THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulates
All Over
CANADA
And Abroad

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע-שיטען

VOLUME VII No 2828 Toronto, Thursday November 11 1920 א דראש חודש כסלו פרשה תולדות תרפא. טאראנטא, דאנערשטאג דער 11-טער נאוועמבער, 1920. PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.

נאצ. ליגע וועט באשטימען פאלעסטינער גרענעצען

פוילישע סאציאליסטען זוכען צו קריגען אידישע שטיצע אין די קומענדע וואהלען

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל”.)

לאנדאן, נאוועמבער, 10. (א. ק. ב.) — א ווארשעווער רעפארט וואס איז צוגעשיקט געווארען פונ'ם קארעספאנדענט פון דער „מארנינג פאסט” גיט איבער דאס די פוילישע סאציאליסטען ערווארטען נאך אין גיכען אן אלגעמיינע וואהל צום פארלאמענט.

דער קארעספאנדענט זאגט, די סאציאליסטען האבען אנגעפאנגען אן ענערגישע טעטיגקייט צו באאיינפלוסען די בירגער געגען די קאנסערוואטיווען. דער סאציאליסטישער פיהרער און עקס-פרעמיער מוראטשעווסקי האט געמאכט אן אטאקע אויפ'ן אויסער'ן מיניסטעריום, אויפווייזענדיג דאס ענגלאנד האט צוריקגעצויגען איהר ווארשעווער פארשטעהער דערפאר, ווייל עס איז ניטא קיין באלשעוויסטישער רעפרעזענטאט, און אין דעם איז בלויז שולדיג דאס אויסער'ן מיניסטעריום אליין. ער האט אויך געפאדערט דאס פרינץ לובאמירסקי זאל צוריקגערופען ווערען פון די פאראייניגטע שטאאטען.

פרינץ סאפיעהא האט געענטפערט אין נאמען פון דער רעגירונג. ער האט געזאגט דאס פוילען האט נאך ניט קיין אמבאסאדאר אין לאנדאן דערפאר, ווייל עס איז שווער צו געפינען די פאסיגע פערזאן וואס זאל קאנען פליסיג רעדען ענגליש

די סאציאליסטען ווענדען אן זעהר פיעל כחות צו באקומען דעם צוטרויען פון די אידען און צו געווינען די אידישע שטימען אין פאל פון א וואהל.

ש. א. אנ-סקי (שלמה ראפאפארט) פלוצלונג געשטארבען

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל”.)

דאנציג, נאוועמבער, 10. (א. ק. ב.)

אין א ידיעה וואס איז דערהאלטען געווארען פון ווארשא ווערט געמאלדען דאס דער בארימטער רוסיש - אידישער שריפטשטעלער שלמה ראפאפארט, וועלכער איז באוואוסט אונטער'ן נאמען ש. א. אנ-סקי איז געשטארבען אין ווארשא לעצטען מאנטאג 7.30 אין אווענט. דער טויט איז געקומען גאר פלוצלונג. ערשט מיט א טאג פריהער אנ-סקי פארבראכט מיט פריינט און אנדערע שרייבער, ביי דער געלעגענהייט וואס ער האט געגרינדעט א אידיש - עטנאגראפישע געזעלשאפט.

אנ-סקי איז געבוירען געווארען אין יאהר 1863 אין שטאדט וויטעבסק ביי זעהר פרומע עלטערן. זיינע עלטערן האבען איהם אויסגעלערנט צוויי מלאכות איינבינדעריי און שמיעדריי, ערשט ווען ער איז אלט געווארען זיבעצען יאהר האט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש און די פרייע שטונדען האט ער זיך אפגעגעבען מיט זעלבסט - בילדונג.

אין יאהר 1881 האט ער זיך באזעצט אין דעם שטעדטעל ליאזנא, און דארטען האט ער זיך באשעפטיגט מיט געבען לעקציעס און שטודירען פאר זיך די רוסישע ליטעראטור. איניגע באלעבאטים האבען איהם אבער געכאפט לייענענדיג מ. ל. לילענבלום'ס ראמאן „חטאת נעורים” און ער האט געמוזט פארלאזען דאס שטעדטעל אויסוואנדערענדיג נאך דווינסק.

זייענדיג אין דער גרעסערער שטאדט האט ער געארבייט ביי איינבינדעריי און דארטען האט ער אנגעשריבען זיין ערשטע ערצעהלונג „די געשיכטע פון א פאמיליע”. אין יענער צייט זענען אבער געווען שמער'ס ראמאנען די איינציגע אידישע ביכער געלעזען צו ווערען און אנ-סקי האט ניט געקאנט געפינען א פארלעגער וואס זאל זי אפדרוקען. ערשט אין 1883 איז די ערצעהלונג ערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג אין דעם זשורנאל „וואסכאד”. און אין 1904 איז זי איבערזעצט געווארען צוריק אויף אידיש אונטער'ן נאמען „די מלחמה פאר'ן לעבען”.

אין די אכציגער יאהרען האט אנ-סקי זיך פאראינטערעסירט מיט דער רוסישער נאראדנישער באוועגונג און ער האט אנגעהויבען לערנען מיט די קינדער פון פראסטען פאלק און האלטען פאר זיי פארלעזונגען, וואנדערענדיג איבער גאנץ יעקאטערינאסלאווער גובערניע.

אין אנהויב פון די 90-גער יאהרען איז ער אוועק נאך פאריז דארטען צו שטודירען דאס פראנצויזישע ארבייטער לעבען. דארטען איז ער געווארען דער סעקרעטאר פון דעם רוסישען שריפטשטעלער פ. לאווראוו.

אין אנפאנג פון 20-טען יאהרהונדערט האט אנ-סקי זיך אומגעקערט צו שרייבען אידיש. דאן האט ער אנגעשריבען די „שבועה” (די אידישע מארסעליעזע) און אנדערע זאכען. אין 1904 האט ער אנגעשריבען זיין פאפולערסטע זאך „דער איטמדי” עס איז געווען פארעפענטליכט אין „פריינט”. אין 1905 האט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד.

הויזען מאכער סטרייקען

מקטון החל — טראץ די קלאגען פון אנפאנגען קאמפען געגען דער שניידער יוניאן מצד די באלעבאטים האט אבער ביז איצט נאך קיינער דאס ניט געוואגט, „אבער עס איז פארהאנען אויך אן אויסנאהמע”, האט נעכטען געזאגט מר. ראזענבלום, דער מענעדזשער פון דער יוניאן צום „זשורנאל”. „א שאפ אין 115 קינג סטריט פון וועלכען די באלעבאטים זענען ראטה און לעדנער. און וואו מען מאכט הויזען, האט זיך פארוואלט (זיי האבען דעם ארעמאנס השק) אין גאנצען אויסצוראטען דאס וואס די אמאלגאמייטעד האט עקווארבען פאר איהרע מיטגלידער מיט אזא שווערער מיה. ההיינו, זיי ווילען ניט קיין וואך ארבייט, זיי ווילען ניט קיין יוניאן, און אלע אנדערע גוטע זאכען. די בעל מלאכות זענען ניט מעהר ווי זעקס אין צאהל אבער זיי סטרייקען”.

מר. ראזענבלום זאגט אז די באלעבאטים וועלען גיך איינזעהען זייער טעות און זיך איבערבעטען מיט דער יוניאן.

אנגעקומענע שיפען

וועגעזיא,	פון לאנדאן	אין מאנטרעאל
איטאליא,	פון נייפעלס	אין ניו־יארק
קאלאמביא,	פון סויט העמפטאן	אין ניו־יארק
אקוויטאניא,	פון סויט העמפטאן	אין ניו־יארק

משפט פון ה. מילער אנגעפאנגען

פאר דזשאסטיס מידעלטאן האט זיך נעכטען אנגעפאנגען דער משפט פון הערי מילער, פון דער מילער מאנופעקטשורינג קאמפאניע וועלכער איז אנגעקלאגט אין טויט - שלאג, פאר'ן טויט פונ'ם 8 יאהריגען קינד קעטעלוועל, וואס זיין זוהן האט איבערגעפאהרען דעם 20-טען מאי. מר. העלמוטה צוזאמען מיט מר. רושיי, סינגער פארטיידיגען מר. מילער. מר. גארדאן וואלדראן איז דער פראקוראר.

פריידליכער אויסגלייך מיט די מינען ארבייטער

מאנטרעאל, נאוועמבער, 10

נאך א געהיימע קאנפערענץ וואס איז געהאלטען געווארען צווישען די מינען אייגענטימער און ארבייטער פון נאווא סקאשיא איז געלונגען צו קומען צו אן אויסגלייך, וואס וועט פארמיידען א סטרייק פון די צוועלף טויזענט ארבייטער. איינצעלהייטען פונ'ם אפמאך זענען נאך ניט פארעפענטליכט, דערפאר ווייל די ארבייטער שטימען ערשט איצט וועגען די פונקטען. עס ווערט געזאגט דאס די באלעבאטים האבען געהעכערט די שכירות אבער די ארבייטער האבען איינגעוויליגט אונטערצושרייבען א קאנטראקט אויף א גאנצן לאנגער צייט און אויך צו פארגרעסערען די פראדוקציע

בארימטער אידישער וויסענשאפטסמאן געשטארבען

ניו־יארק, נאוועמבער, 10.

דר. סעמיועל דזשיי. מעלצער, דער הויפט פונ'ם פיזיאלאגישען און פארמאצעפטישען אפטיילונג פון ראקפעלער אינסטיטוט איז געשטארבען.

דר. מעלצער האט געמאכט א סך ענטדעקונגען צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט. ספעציעל אין דער צייט פון דער מלחמה.

דר. מעלצער איז א געבוירענער אין רוסלאנד, אין 1883 איז ער געקומען נאך אמעריקא.

ער איז געשטארבען אין עלטער פון 63 יאהר.

פארגעסט ניט צו שווייגען

פארגעסט ניט אז היינט פונקט 11 א זייגער פריה, דארפען אלע מיילער אנגעשווייגען ווערען. אלע מאשינען דארפען זיך אפשטעלען, און עס דארף זיין אן פאלשטענדיגער שטילשטאנד אויף צוויי מינוט אלס אנדענקען פון דעם וואפענשטילשטאנד וואס איז ערקלעהרט געווארען היינט צוויי יאהר אויפ'ן דייטשען שלאכטפעלד.

מזרחי קאנווענשאן אינדארסירט אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל”.)

באלטימאר נאוועמבער, 10 (א. ק. ב.)

די מזרחי קאנווענשאן האט זיך געשלאסען מיט רעדעס פון בארימטע רבנים און פראמינענטע מענשען, נאכדעם ווי עס זענען אנגענומען געווארען איניגע וויכטיגע רעזאלוציעס צווישען וועלכע עס איז אויך געווען א רעזאלוציע צו אינדארסירען אן אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס. צווישען די וואס האבען געהאלטען שלום רעדען זענען געווען רב מאיר בערלין, רב אשינסקי, רב גאלד, און אנדערע. אברהם שאמער האט אפעלירט צו העלפען אין דער ארבייט פון איינרופען דעם אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס. דר. עפשטיין האט גערעדט אין נאמען פון דער אלוועלטליכער מזרחי פון נאציאנאל פאנד. עס איז באשלאסען געווארען דאס א מיטגלידער שטייער זאל באשטעהען פון דריי, צעהן, 25 און הונדערט דאלאר. עס איז באשלאסען געווארען צו שטיצען דעם קרן היסוד.

הרב בערלין איז ווידער ערוועהלט געווארען פרעזידענט. דר. וואקסמאן גענעראל סעקרעטאר. שאמער, קאסירער. די עקזעקוטיווע באשטעהט פון ג. בובליק רב לעווינסאן, דר. בלויששטיין און היינער, אלע פון ניו־יארק.

די צענטראל קאמיטע באשטעהט פון רב מארגאליס ניו־יארק, רב גאלד סאן פראנציסקא, רבי סילווער שיקאגא, ראפיי לעווענטהאל, פילאדעלפיא, רב אשינסקי פיטסבורג, רב ראזענבערג, אפרים קאפלאן, יצחק עלען פון ניו־יארק. רב פעלקאוויטש קענטאן, אהייא, רב בראזער אייקראן אהייא, רב לעווין דעטראיט און דר. העלער, ניו־יארק.

20 טויזענט רוטענער פון מערב קענעדע פאהרען קעמפען געגען פוילען

צוואנציג טויזענט גאליציאנער רוטענער פאהרען אין גיכען אפ צוריק נאך גאליציען און זיי וועלען שוין מעהר ניט קומען צוריק נאך קענעדע.

די אלע רוטענער פאהרען מיט'ן צוועק צו באקעמפען דעם פארלאנג פון דער פוילישער רעגירונג אז גאליציען זאל אריינפאלען אין איהר רשות. זיי פאהרען צו באטייליגען זיך אין דעם פלעביסציט וואס דארף געהאלטען ווערען וועגען דיזער פראגע.

הענרי מארגענטוי באעהרט פון דער ענגלישער רעגירונג

וואשינגטאן, נאוועמבער, 10.

סער אוקלענד געדעס, דער ענגלישער אמבאסאדאר צו די פאראייניגטע שטאאטען האט נעכטען באעהרט הענרי מארגענטוי, דעם געוועזענעם אמעריקאנער געזאנדטען נאך טערקיי, מיט א קרייז פון דער בריטישער אימפעריע, אלס אנערקענונג פאר דער גוטער ארבייט וואס ער האט געטון פאר דער ענגלישער ציווילער באפעלקערונג בשעת די מלחמה האט אויסגעבראכען, און פאר די מלחמה געפאנגענע בעת דער מלחמה.

א דעפיניציע פון באלשעוויזם

לאנדאן, נאוועמבער, 10.

אין א רעדע וואס פרעמיער לאיד דזשארדזש האט געהאלטען ביים מעיארס באנקעט האט ער געזאגט אז די לאגע אין אירלאנד גלייכט זיך אויס.

רעדענדיג וועגען דער לאגע אין דער וועלט, האט ער געזאגט אז דער באלשעוויזם אין רוסלאנד מוז אונטערגעהן וואָרום באלשעוויזם איז אן אוממעגליכער גלויבען, אזא לעבעדליכער גלויבען, א מישוגע'נער גלויבען, און קאן ניט בלייבען לעבען. וואס איז יא מעגליך אז אין רוסלאנד זאל נאך א לאנגע צייט הערשען אנארכיע.

21-טע קאנווענשאן פון ארבייטער רינג וועט געהאלטען ווערען אין טאראנטא קומענדען מאי

דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פאר א. ר. צו האלטען א קאנווענשאן אין א קענעדער שטאדט. — גרויס באגייסטערונג צווישען מיטגלידער.

דער חלום פון די ארבייטער רינג מיטגלידער צו האבען די זכיה אז די 21-טע קאנווענשאן פון ארבייטער רינג זאל געהאלטען ווערען אין טאראנטא, איז נעכטען פארווירקליכט געווארען. מיט גרויס שמחה האט נעכטען בייגאכט נע־לאזט וויסען דעם „זשורנאל” מר. שיק א מיטגליעד פון דער א. ר. סיטי קאמיטע דאס דער סעקרעטאר מר. סטיין האט דערהאלטען א טעלעגראמע פון גענעראל אפיס דאס די עקזעקוטיווע האט באשלאסען צו האלטען די קאנווענשאן אין טאראנטא. די טעלעגראמע לויטעט זיך:

„די קאנווענשאן אין אייער שטאדט. נעהמט אייך צו דער ארבייט”.

אז די 21-טע קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען אין קענעדע, דאס איז שוין געווען א לאנג באשלאסענע זאך, אבער עס איז געווען א קאנקורענט, דאס איז געווען דער שטאאט מאסעטשוסעטס, וואו דער א. ר. האט פיעל געליטען צוליעב דער געזעצליכער זייט. פון זינט אבער עס זענען אנגענומען געווארען די „פראטעקשאנעל רייטס” צאהלונגען אין דער ארדען איז געווארען געזעצליך איבער גאנץ אמעריקא און קענעדע האט די ערשטע קאנווענשאן פון דער נייער עפאכע געזאלט געהאלטען ווערען אין מאסעטשוסעטס צו דערפרעהען אביסעל די הערצער פון יענע א. ר. מיטגלידער וואס האבען אזוי פיעל זיך אנגעליטען. אבער צוליעב שוועריגקייטען האט דאס ניט געקאנט דורכגעפיהרט ווערען און דער נעקסטער יחסן, קענעדע, האט באקומען די בכורה.

אין טאראנטער קרייזען האט מען די גאנצע צייט געהאפט אז די קאנווענשאן וועט דא געהאלטען ווערען און זייער האפנונג איז מקוים געווארען.

בלויז צוליעב דער האפנונג אליין האבען אנגעהויבען אריינצושטראמען הונדערטער מיטגלידער אין א. ר. לעצטען זונטאג איז אינסטאלירט געווארען א נייער בראנטש און אויף קומענדען זונטאג איז ווידער פארבארייט די איינסטאלירונג פון א בראנטש פון מאוירער ארבייטער.

די טאראנטער מיטגלידער פון א. ר. וועלען איצט אנווענדען אלע מעגליכקייטען צו מאכען די קאנווענשאן א היסטארישע אין פולען זין פון ווארט. הן אין ענין פון אריינגעהמען נייע מיטגלידער און הן אין רייכקייט און שענקייט.

די קאנווענשאן פאנגט זיך אן דעם 1-טען מאי, און וועט אנהאלטען א גאנצע וואך.

היינט דאס זעלבע

דער וועטער נביא האט נאך ניט געביטען זיין מיינונג. היינט-אויך ווינטיג, קאלט און שניי.

נחום סאקאלאוו וועט זיין פארטרעטען ביי דער נאציאנען ליגע אין זשענעווא

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל”)

פאריז, נאוועמבער, 10. (א. ק. ב.) — פון גוט אינפארמירטע קוועלען איז היינט באוואוסט געווארען די נייעס דאס די קומענדע זיצונג פון דער נאציאנען ליגע וואס וועט געהאלטען ווערען אין זשענעווא, שווייצאריען, וועט האנדלען וועגען דעם פאלעסטינער מאנדאט און אויך וועגען דעם סכסוך צווישען ענגלאנד און פראנקרייך איבער די פאלעסטינער גרענעצען.

עס ווערט געזאגט דאס די ענגלישע פארשטעהער וועלען פארלייגען פאר דער ליגע'ס זיצונג אלע אויסגעארבייטע פונקטען לויט וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען דער מאנדאט איבער פאלעסטינא צו דער ענגלישער רעגירונג. אויך איז נחום סאקאלאוו, דער בארימטער ציוניסטישער פיהרער וועט זיין אלס פארשטעהער פון די אידען צו זעהען אויסצוווירקען בעסערע גרענעצען פאר פאלעסטינא.

ענגלאנד האט א ספעציעלע פאלעסטינער קאמיסיע

לאנדאן, נאוועמבער, 10. (א. ק. ב.) — עס איז דא פארעפענטליכט געווארען דאס די ענגלישע רעגירונג האט נאך מיט א לאנגער צייט צוריק פארמירט א ספעציעלע קאמיסיע וואס זאל זיך אפגעבען מיט פאלעסטינער פראגען. אין דער קאמיסיע געפינען זיך די פראמינענטעסטע מענשען פון לאנד. זיי זענען אויך מיטגליעדער פון האוז אוו קאמאנס און פון לארדען הויז.

וויצמאנ'ס פאדערונגען וועגען די גרענעצען

עס ווערט געזאגט, דאס די דאזיגע קאמיסיע האט געהאלטען א זיצונג בשעת דער קאנפערענץ אין סאן רעמא, איטאליען, ווען עס איז באשטימט געווארען דער פאלעסטינער מאנדאט זאל איבערגעגעבען ווערען צו ענגלאנד, און עס איז דאן געהאנדעלט געווארען וועלכע גרענעצען עס זאל באשטימט ווערען פאר פאלעסטינא. פראפעסאר חיים וויצמאן האט אויפגעוויזען פאר יענער זיצונג דאס די גרענעצען פון פאלעסטינא מוזען גריכען ביז איבער דעם טייך ליטאני. דער פארזיצענדער פון יענער זיצונג איז געווען לארד ראבערט סיסיל, וועלכער איז א גרויסער אנהענגער פון דער נאציאנען ליגע.

אידען פאהרען נאך פאלעסטינא

קאנסטאנטינאפאל, נאוועמבער, 10, (א. ק. ב.) — עס איז דא פארעפענטליכט געווארען א רעפארט דאס אין די לעצטע צוויי חדשים זענען דורכגעפאהרען צוויי טויזענט אידען נאך פאלעסטינא. דער לעצטער טראנספארט האט געצעהלט פינף הונדערט אידען.

נאך איינצעלהייטען וועגען דעם פאגראם אין בודאפעסט

וויען, נאוועמבער, 10, (א. ק. ב.) — די דערהאלטענע ידיעות וועגען די איינצעלהייטען פון דעם איבערפאל וואס איז געמאכט געווארען לעצטען זונטאג און מאנטאג אויף דער אידישער באפעלקערונג פון בודאפעסט גיבען איבער, דאס די צאהל פון די פארוואונדעטע גרייכט אין א גרויסער צאהל. צוועלף פארוואונדעטע געפינען זיך אין די שפיטאלען, איניגע פון זיי זענען אין א געפעהרליכען צושטאנד און מען ערווארטעט קוים זיי זאלען בלייבען לעבען. דער דעפוטאט ארבעק האט געמאכט אן אינטערפעלאציע אין פארלאמענט, באשולדיגענדיג די רעגירונג דאס זי איז שולדיג אין דיזען פאגראם דערפאר ווייל זי נעהמט ניט קיין איינציגע מיטלען אפצושטעלען די פאגראם באוועגונגען.

די באשולדיגונג האט ארויסגערופען א גרויסע דעבאטע, אין וועלכער פרעמיער טעלאקי, צוזאמען מיט די „אויפגעוואכטע” אונגארן האבען זיך באטייליגט. פיעלע דעפוטאטען האבען אויפגעוויזען דאס אין די לעצטע פאר טעג איז בודאפעסט פארפלייצט געווארען מיט אנטיסעמיטישער ליטעראטור וואס האט געטראגען אויף זיך די אונטערשריפטען פון פופצעהן אונגארישע ארגאניזאציעס, צווישען די פאגראמירטע געפינט זיך דער משומד ד. פארהעל, א מיטגליעד פון דער פיהרינג פארטיי וועלכער איז געזעצליך נאך ניט אנערקענט געווארען פונ'ם קריסטליכען גלויבען.

אוקראינער אידען וואלגערען זיך אויפ'ן וועג, קאנען ניט באקומען קיין וויזעס נאך אמעריקא

פון קעשענאוו קומט אהער א ידיעה, דאס א גרויסע צאהל אוקראינישע אידען, פליכטלינגע, וואס האלטען אין פאהרען נאך אמעריקא וואלגערען זיך ארום אין בעסאראביען דערפאר, ווייל זיי קאנען ניט באקומען זייערע פאספארטען וויזירט. די קאנסולען פון אמעריקא, איטאליען, יוגאסלאוויען ווילען זיי ניט געבען די נויטיגע וויזעס, טראצדעם וואס זיי האבען אלע געהעריגע דאקומענטען.

עס ווערט געזאגט דאס צוליעב היעזיגער לאגע געפינען זיך די אויסוואנדערער אין א שווערער נויט. זיי זענען אבסאלוט הילפלאז, און ער דערגעהט צו פארצווייפלונג.

עס ווערט געגרינדעט א וועלטליכער פארבאנד פון אידישע אינזשענירען

א רעפארט וואס איז דערהאלטען געווארען פון לעמבערג ברענגט די נייעס דאס די ארגאניזאציע פון די אידישע אינזשענירען פלאנעוועט איינצורופען אן אלוועלטליכען קאנגרעס פון אידישע אינזשענירען, וואס זאל געהאלטען ווערען אין פריהלינג פון 1921. דאס פלאץ זאל זיין אין פאלעסטינא. די אפזיכטען פונ'ם קאנגרעס זאלען זיין צו גרינדען אן אלוועלטליכע ארגאניזאציע פון אידישע אינזשענירען. די אידישע פינאנציעלע אינדוסטריעלע עקספערטען און הענדלער זענען פאראינטערעסירט אין דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון פאלעסטינא.

ספעציעלע תפילות אין טאג ווען די נאציאנען ליגע וועט זיך פארזאמלען

לאנדאן, נאוועמבער, 10 (א. ק. ב.) — די פארשטעהער פון אלע רעליגיעזע צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך דער הרב הכולל הרב הערץ, האבען ארויסגערופען אן אנזאג צום פאלק צו האלטען ספעציעלע תפילות קומענדען זונטאג אלס א צייכען פון דער ערשטער זיצונג פון דער נאציאנען ליגע. א געוויסער גלח, מיט'ן נאמען הודזשאנס, פון א קירכע אין ניו מארקעט האט ערקלעהרט אין אן עפענטליכער רעדע, דאס די קאנסטיטוציע פון דער נאציאנען ליגע דארף אריינגענומען ווערען אלס א ביילאגע צו דער תורה ווארום דער דאזיגער דאקומענט איז די בעסטע אויסטייטשונג פון דער תורה.

די „דיילי טעלעגראף” מעלדעט דאס אין מאסקווא איז ארעסטירט געווארען אן אמעריקאנער קאמיסיע וואס האט פארטיילט שטיצע צווישען די אידען.

אידען פראגע געשליכטעט אין יוגא־סלאוויען

פאריז, נאוועמבער. 10, (א. ק. ב.) — א טעלעגראמע פון בעלגראד ציטירט א רעפארט וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דער יוגא־סלאווישער רעגירונג, באהויפטענדיג דאס די אידישע פראגע איז געשליכטעט געווארען דורך קעניגליכען דעקרעט. קיין איינצעלהייטען ווערען ניט אנגעגעבען.

די חסידישע טאכטער

אן אריגינעלער ראמאן אוים דעם פוילישׁ - חסידישׁ - אידישען לעבען

ספעציעל געשריבען פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון י. ב—ם

(91-טע פאָרזעצונג)

נאָך איין מאָל וואָלט ער געוואָלט ליידען מיט איהר. ענטשולדיגען זיך פאר איהר, בעטען איהר פארצייהונג פאר די אימזיסטע ליידען וואס ער האָט איהר פארשאפט, פאר די צרות וואָס ער האָט פאראורזאכט מיט זיין קומען צו איהר.

ער וואָלט איהר דאמאָלס איבערגעגעבען, אז איהר אָפּפאהר אלס א קראנקע, וואו ער האָט ניט געהאט קיין ישוב גאכריכט פון איהר וועגען איהר צושטאנד האָט איהם ניט געלאָזען רוהען, ביז ער איז געפאהרען זיין נאָהענט צו איהר.

זי וואָלט איהם זיכער מוחל געוועזען אויף דעם אינ. זי דאָך אזא גוטע, אזא טייערע. זי איז דאָך די איינציגע וואָס ער האָט באגעגנט אין לעבען.

אבער ווי אזוי זאָל ער עס טון ?

ווער קען עטוואס טון פאר זיין באַפרייאונג ? די טורמע וועכטער זיינען אזעלכע שטרענגע און הארטע, דאס ביי זיי וועט ער גאָר ניט פועל'ן. זייערע בליקען שטעכען איהם ווען זיי קומען אריין איהם דערלאנגען זיין ברויט מיט וואסער. ריידען צו זיי איז איהם ניט ערלויבט, און מיט בעטען אירגענד וועלכע פאַרלייכטערונג קען ער בלויז ארויסרופען א פארדאכט, וואו ער זאָל פארזיכטיגער און מיט מעהר האס אָפּגעהיט ווערען.

אויף דער פרייער וועלט האָט ער ניט קיין איינציגען מענשען וועלכער זאָל זיך זאָרגען פאר איהם. קיין הארץ קלאפט ניט פאר זיינעט וועגען. זאגאר די וועלכע איז איהם ליעב און טייער.

מעגליך אז אָט דאָ ניט ווייט פון מיר, ארום מיר זיצט זי פארשפארט, זיצט זי און דערמאָהנט מיך מיט א טרויעריגען שמייכעל אויף איהרע ליפען, וויל מעהר מיין נאָמען ניט געדענקען פאר דעם וועהטאג וואָס איך האָב איהר פארשאפען, און זאגאר ווען זי איז פריי, וואָס קען זי טון מיך צו באפרייען ?

אירגענד ווער פון אונז מוז דאָך דער קרבן זיין די פאליציי באַנדע זוכט דאָך אזעלכע געלעגנהייטען, וואו זיך מיט אונז צו שפילען, וואו זיי באקומען גרעסערע עמטער, איבערהויפט האבען זיי א קרבן אין מיר, וואו מיין עלענד און הילפלאזיגקייט, גיט זיי די מעגליכקייט צו טון וואָס זיי ווילען נאָר זעלבסט

ער האָט גענומען קוקען אויף די שווארצע שטומע ווענט, ווי ער וואָלט זיי באשוואוירען זי זאָלען איהם דעם סוד זאָגען. זיצט דאָ שיינדעלע אָדער ניט. איז זי צוזאמען מיט איהם ארעסטירט געוואָרען, אָדער איז זי פריי ?

ער האָט געזוכט, צוגעלייגט זיין געזיכט צו די קאלטע שטיינער. ווי ער וואָלט זיי געגלעטשעט, און געבעטען זיך ביי זיי, אבער שטום זיינען די שטיינער געבליבען ווי פריהער, ניט געוואָלט איהם דעם סוד ענטדעקען, און ער איז געבליבען מיט זיין צווייפעל ווי פריהער.

דאס מאנאטאנע שמוציגע טורמע לעבען האָט זיך פאר איהם געצויגען לאנגזאם און פארזיכטיג. יעדע שטונדע איז ביי איהם א יאהר געוועזען. יעדע וואָך אן אייביגקייט. די נעכט זיינען ביי איהם דער טעם פון קבר געוועזען, וואו ער איז לעבעדיג באגראבען, וואו מען ווארט בלויז ביז ער וועט די אויגען צומאכען, אום איהם אין א נאָך שמוציגערע גרוב אריינצוּוואָרפען.

פון זיין פאָרהער האָט ער פארשטאַנען, אז ער האָט אויף זיך זעלבסט די שולד געוואָרפען, ניט האָבענדיג די ריכטיגע דאָקומענטען, ניט קענענדיג איבערצייגען ווער זיינע עלטערן זיינען, וואו זיין פאמיליע געפינט זיך, וועט געוויס דער פארדאכט נאָך שטארקער ווערען, אבער ער האָט דערצו קיין מיטעל ניט געהאט, זאגאר ווען ער זאָל וועלען ווייל זיינע עלטערן וועט ער דאָך אין קיין צרה ניט אריינשלעפּען.

ווען מען האָט איהם צום ערשטען מאָהל געבראכט א פעקעל מיט פרוכט צושניטענע, דורכגעקוקטע האָט ער פאר קיין פאל באגרייפען ניט געקענט ווער דאס איז.

זאָל עס זיין שיינדעלע ? זאָל זי זיין דער מלאך פון זיין באפרייאונג ?

אבער ווי אזוי ?

אז זי ווייסט אז ער איז ארעסטירט האָט ער ניט געצווייפעלט. אבער זי וועט דאָך ניט נעהמען אויף זיך א צרה, ווי קומען צו דער פאליציי און זיך אויסגעבען פאר זיינס א פריינט ?

איבערהויפט האָט ער ניט פארשטאנען ווי אזוי זי קומט דאָ אהער, זי איז דאָך שוין זיכער אין דער היים טא ווי אזוי האָט זי עס געשיקט ?

ער האָט זיך גענומען אריינטרעטען וואָס נאָך פאר א פריינד ער האָט, וואָס זאָל איהם געדענקען. פארזיכטיג האָט ער זיי איבערגעצעהלט אין זיינע געדאנקען. פארטראכט זיך אויף יעדען פון זיי, זיך פארגעשטעלט זייערע פיזיאָנאָמיעס, כאראקטערן, און זיך געמאטערט צו טרעפען ווער פון זיי עס האָט עס געטון.

אבער אהן ערפאָלג.

שיינדעלע ! יא שיינדעלע. זי איז די איינציגע וואָס עס מאטערט מיין ארעסט. זי פלאנט זיך פונקט ווי איך, און זי, נאָר זי, איז דער מלאך פון מיין פרייהייט.

ווער ווייסט וואָס זי שטעהט יעצט אויס פון מיר, וואָס פאר א קאמף זי פיהרט יעצט מיט איהרע עלטערן וועגען מיר, איבערהויפט צו זי איז גאָר ביי זיי אין הויז.

אָך די פרייהייט — די פרייהייט, האָט הירשעל געלעכצט. ווי גליקליך זיינען די וואָס זיינען פריי, וואָס אטעמען די לופט פון דער גאס, וואָס קענען זיך באוועגען איבעראל וואו זיי ווילען.

וויפיעל וואָלט איך ניט באצאָהלט פאר איין בליק אויף איהר. פאר א נאָכריכט פון איהר. צו וויסען וואָס זי טוט. וואו זי געפינט זיך, וואָס זי דענקט וועגען מיר !

ער האָט זיך ניט ערלויבט צו עסען די צושניטענע פרוכטען, נאָר זיי באהאַלטען, אום צו קענען קוקען אויף זיי. ווי זיסע עראינערונגען פון שיינדעלען זאָלען זיי איהם זיין. ביי יעדען בליק אויף די פרוכט. האָט ער זיך אין איהר דערמאָהנט, און פארחלומט געבענקט נאָך איהר, נאָך איהר שמייכעל, נאָך איהר סאמעט ווייך געזיכט, און נאָך איהרע פוער ברענענדע קושען.

שיינדעלע — שיינדעלע — וועלען מיינע ליפען דיך נאָך אמאָל באריהרען. וועלען מיינע הענט דיך נאָך אמאָל אומארמען, האָט ער געפליסטערט מיט בענקשאפט.

א פיעל גרעסערע ענטשטיינונג איז פאר איהם ענטשטאנען, ווען אין א געוויסען פריהמארגען האָט דער וועכטער וואָס האָט איהם געבראכט ברויט אויף דערלאנגט צוויי סיגארעטען.

(ווערט פארגעזעצט)

אין באקיועמע 1, 2 און 8 פונטיגע
בלעכלאך

MAZOLA

קאכט לייכטער בעסער, מעהר
עקאנאמיש

וואס יעדער איד דארף וויסען

מיר זענען איצט די איינציגע וואס
האבען א גלייכע פארבינדונג
מיט אוקראינא

קומט אריין און ערקונדיגט זיך

איך גאראנטירען מיר ארויסצונעהמען פאסאזשירען גלייך פון פוילען גאליציען און עסטרייך אין זעהר א קורצער צייט.

מיר שיקען איבער געלט נאך פוילען און גאליציען אין קענעדער אדער אמעריקאנער דאלארס.

דאס איז ניט בלויז געזאגט, איהר וועט זיך אליין ערקונדיגען זעהר אין גיכען פון אייערע פריינד אין אייראפא.

פארגעסט ניט אז מיר זענען די עלצטע קאנטאר אין טאראנטא און זענען יעדעס מאל גרייט צו אטענדען גוט, שנעל, ראיעל און ארענטליך.

ק. גארפינקעל'ס

שיפס קאנטאר

153 Queen St. West

Telep. Adel. 2047

כלויז הזן וולא אווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלם מוהל

אלע עלטערן פון קינדער זאָלען זיך נעהמען אין אכטונג ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

וועט קיינמאל ניט ווערען טאג?

אילוסטרירט די בילד אייער ערפאהרונג ?

איז דא עטוואס מעהר שרעקליכעס ווי ניט קענען שלאפען ?

שלאפלאזיגקייט איז איינער פון די ערשטע און זיכערסטע סימפטאמען פון ערשעפטע נערוון.

דאס איז א ווארנונג אז איהר הארפט האבען די הילף פון דר. טשייס'עס נוירוו-פיד צו שטארקען די נערוו - צעלען און איסמיידען דורכדעם די ענטוויקלונג פון ערנסטע נערוון - ליידען.

פארבעסערענדיג די קוואליטעט פון דאס בלוט און שטארקענדיג דעם נערוון-סיסטעם פארשאפט די שפייז - רפואה נייע ענערגיע און קראפט דעם גאנצען קערפער.

50 סענט א באקס, 6 פאר $2.75 ביי אלע דיעלערס אדער ביי ערמאנסאן בייטס און קא. לימיטעד, טאראנטא.

Dr. Chase's Nerve Food

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד.
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.
אפען אין אווענט.

דר. ס. פיוניק

דענטיסט.
שמערצלאָזע עקסטרעקשאן פון ציינער
קאר. קווין און ספאדיינע עוו. רום 2.
טעלעפאן ארעליה 4067.

דאקטאר

יוליוס לעווין

דענטיסט
[illegible] 332 קווין וועסט [illegible]
ספאדיינע עוו.
וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט
קאלעדזש 766

טעלעפאן ארעליד 5615.

דר. מ. קייטס

דענטיסט.
218½ קווין וועסט.
(קאר. מיקאל סטריט.)
טאראנטא.

פארהיט אייערע אויגען

אין די קאלטע ווינטערן וועט איהר וועלען זיצען אין הויז, דעריבער דארפט איהר אייך פארזארגען מיט באקוועמע אויגען גלעזער צום לעזען. אויגען ווערען זעהר פארזיכטיג עקזאמינירט, און גלעזער ווערען פארקויפט פאר זעהר מעסיגע פרייזען. גלעזער צום לעזען פון $3.50 און העכער. פאטראניזירט, דעם איינציגען אידישען ארזוערטייזטען אפטאמעטריסט אין שטאדט.

Dr. LOUIS WINKLER
Registered Optometrist and Optician
390½ Yonge St. Ad. 5671
With N. Jacobs' Jewelers

פאטראָנייזט די איינציגע אידישע ווינדאָ קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאָנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ארעל. 3087

אווענדען און יום טובים טעלעפאנירט קאל. 5619.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST.

ווענט ראיעלסטע און בעסטע אויסקינפטען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו :

פ. ליוואי

ספעשעל לייף אינשורענס אגענט

P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און קעמערא)
באריסטערס, סאליסטערס, נאטאריעס א. ז. וו.
2901 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 3077.
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 888.

צו פערבענטען

א פורנישט רום צו פאררענטען אויך א טעלעפאן צום יוזען. 375 מארקהעם סטריט.
574—11—11

צו פאררענטען דריי שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס גלייך אריינצומופען. פרעגען 264 יוקליד עוועניו.
569—11—11

3 רומס מיט אלע קאנוויניענס צו פאררענטען. סינק אין קיטשען. סעפערעט מיטער, פאסיג פאר א קליינער פאמיליע נאכפרעגען 43 סענט פעטריק סטריט. געוועזענע וויליאם סטריט.
581—1—11

צו פאררענטען א סטאר מיט א לאנגען ליעם אין דאנדעס נעבען טעראלי סטריט טעלעפאן נארט 2206.
527—11—11

צו פאררענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס באזונדער געז סינק אין קיטשען, עלעקטריק פיקטשורס און בלייגדס, צו אן קאפעל. אין 74 בראנזוויק עוועניו. נאכפרעגען 113 דיארסי סטריט.
573—11—15

צימערען פארלאנגט

אידישע פאמיליעס וועלכע האבען פלאץ און זענען ווילינג אריינצונעהמען עמיגראנטען זענען געבעטען צו לאזען וויסען אין דער אימיגראנטען געזעלשאפט 399 ספעדיינע עוו. טעלעפאן קאלעדזש 6595
939—11—14)

א הויז צו פארענטען 44 פיבי סט. אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 164 יארק סט. טעלעפאן עדלייד 3507.
13613—11—12)

צו פארענטען א דריי רום באדרום פעלט, הארדוואוד פלארס, סטימהיט, עלעקטריק. איך א גאראדזש אויב מען וויל. קען זיך גלייך אריינציהען. נאכפרעגען 456 יוקליד עוו.
3590—11—13)

אידישער יונגערמאן וויל רענטען א רום מיט בארד אין א אידישער פריוואטער פאמיליע. שרייבט „זשורנאל" באקס 903.
3587—11—12)

פלעט פון 3 רומס, עלעקטריק, געז באהייצונג, טעלעפאן. וועט פארענטען צו ארענטליכע לייטע. די לייטע וועלען ניט דארפען מעבען אפט ווייל עס איז אן אייגענע הויז. עפעלגראוו עוועניו איזער דזשעראַרד 5313.
13598—11—14)

דריי רומיגען פלעט צו פאררענטען, אלע קאנוויניענס, געז, עלעקטריק, פיקטשורס, בלייגדס און טעלעפאן, 17 טשוירטשהיל עוועניו, צווישען דאנדעס און קאלעדזש און אסינגטאן טעלעפאן קאלעדזש W 8784.
3576—11—10

פארלאנגט געראפעלטע פורנישט רומס פאר צוויי יונגע לייט. ווענדעט זיך צו 575 באטהורסט סט. וועסט אדער טעלעפאן קאלעדזש W 4370
13597—11—12)

ארבייטער פארלאנגט

פארלאנגט הונדערט אידען וועלכע דארפען אויבערראק. קומט דירעקט צום מאנופעקטשורער. גרויסע באהגיינס. בעסטע סחורה. אהן אן אויבערראק וועט איהר שוין ניט אוועקגעהען פון אונז. 420 ספעדיינא עוועניו.
3584—11—12)

אן עלטערע פרוי איז ווילינג צו געהן אלס וואַרטם פרוי, נאכפרעגען 22 סאהא סטריט

פארלאנגט אן אלראונד שניידער פאר א קלינינג און פרעסינג פארלאר. ענטפערט דורך בריעף צו דזשיי. קליימאן 471 קינג סטריט וועסט. האמילטאן אנטאריא. צייטבט וויפיעל איהר ווילט באצאהלט.
13596—11—12)

אן עקספיריענסד סיילסמאן פארלאנגט א פאזישאן אין א מענס קלאדינג סטאר. שרייבט „זשורנאל" באקס 903.
13599—11—12)

אן עקספיריענסט סיילסמאן פארלאנגט אין א קאנטרי פאר קלאדינג, דזשענטס פורנישינג'ס סטאר, גוטע וויידזשעס. זיך נאכפרעגען:

Paul Adelman P. O. Box. 978
Welland Ont.

אדער טעלעפאנירען: 776 וועללאנד
904—11—15

ארבייטער פארלאנגט

פערזאנען וואס האבען „דזשאבס" און ווילען באשעפטיגען אימיגראנטען זענען געבעטען צו מעלדען אין אפיס פון דער אימיגראנטען געזעלשאפט 399 ספעדיינע עוו. טעלעפאן קאלעדזש 6595
940—11—14)

איך פארלאנג א דזשאב אלס סיילסמאן אין איין גראסערי אדער פרוכט סטאר. איך בין 23 יאהר אלט. איך האב עקספיריענסד, קען אייך דליווערען. קען שרייבען אידיש און ענגליש. לאזט וויסען 172 יוקליד עוו. מר. טאבאק.
3565—11—14)

אין 127 דאנדעס סטריט וועסט נעפינט זיך א פרוי וואס נעהט ארבייטען אלס וואַרטס-פרוי. נאכפרעגען אויף'ן פלאץ.

ביזנעס פיעס און צו פערקויפען

אלע איבערגעבליבענע סוטס און אויבערראק פון אונזערע 30 בראנטשעס איבער גאנץ קענעדע וועלען פארקויפט ווערען צו $14.00 א שטיק איינצעלנע פאר הויזען $3.95. איינצעלנע וועסטען $1.50 אין פיעלע פאלען איז דיעזער פרייז ווע־ניגער ווי א דריטעל פון אמת'ן ווערט. געשעפטסלייט קויפען דיעזע סוטס און פארקויפען זיי ווידער צו זייערע קאסטומער. קלוגע מענער וועלען קויפען 2 אדער 3 סוטס מיט אן אויבערראק פאר אזעלכע פרייזען. צום אויספארקויפען אין 282 יאנג סטריט, טאראנטא. ענגליש און סקאטס וואָלען קא.

א סייף ראלינג דעסק און טייפרייטער דעסק צו פארקויפען, ווענדעט זיך צו די סטענדערד טשילדרענס קלאוק קאמפאניע 78 יארק סטריט.
919—11—11

בעקער בראדערס.

191 דאנדעס סטריט וועסט

מיר האבען אויפגעעפענט א האלסייל דזשאבינג הויז פון אלע סארטען סחורות. מיר וועלען פארקויפען צו דזשאבערס, צו סעקאנד הענד סטארס, צו דריי־גודס סטארס און פעדלערס אויף אזעלכע ביליגע פרייזען וואס איהר קאנט ניט באקומען אין קיין אנדערען פלאץ.
13578—11—15

א גרויסע מציאה. 400 דאלאר וועט אפקויפען 1300 דאלאר וואס זענען איינגעצאהלט געווארען אין א סאליד בריק 8 רום הויז. אלע מאדערנע באקוועמליכקייטען, א טיפער לאט. געפינט זיך אין א שעהנער רעזידענץ געגענט. נאכפרעגען 474 קווין סט. וועסט.
3594—11—14)

$4,500. סאליד בריק הויז פון 6 רומס צו פארקויפען. פוירנים, עלעקטריק. אלע קאנוויניענס. שטעהט ליידיג. נאכפרעגען 338 באטהורסט סטריט. קיינע אגענטען.
592—11—12)

א באקוועם 2 שטאקיג 8 רום פרעים ווינטער הויז אין לאנג ברענטש פארק, אויף א לאט פון 51 ביי 150 א שעהן פלאץ פאר'ן הויז, אין גוטער הינטערשטער גארטען. א פלאץ צו האלטען עופות א גוטער ברונעם. נאך מעהר איינצעלהייטען שרייבט צו „זשורנאל" באקס 902.
3586—11—11)

דארפט איהר קעש ? איך דארף באהגיינס אין דזשענטס פורנישינג. דזשאב לאטס. שרייבט זאפארט צום „זשורנאל" באקס 901. איך האלט עס בסוד איהר קאנט מיך.
3585—11—11)

אן איבערבעט מיט 4 קישענס צו פארקויפען. פיך פון גענז. פרעגען 149 נייעגרא סטריט. מוז באלד פארקויפט ווערען
13600—11—12)

צו פארקויפען איין קאמבינעישאן אויוען, עלעקטריק פיקסטשורס, דיינינג רום טייבעל. בעדרום סעט מיט צוויי עקסטרע בעטען. נאכצופרעגען 298 פאלמירסטאן עוו. טעלעפאן קאלעדזש 6510
3611—11—12)

צו פארקויפען איין קאמפליט שניידער שאפ פאסיג פאר קלאוקס אדער מענער קליידער 8 מישינען 2, הארט פאוער מאכינערס. קאטינג, פרעסינג און העזיירינג און פעקינג טייבעלס און הענגערס, אפיס פורניטשור. איין גרויסער בארגיין פאר 400 דאלאר. אינטערנעשאנעל קלאוק קא. 314 יאנג סטריט.
3595—11—12)

צו די שניידער טרייד!

מיר פארקויפען שניידער טרימינגס ביליגער, ווי איבעראל און איהר אלע שניידער זאלט דא גדיינקען און קויפען אייערע טרימינגס אין א פלאץ, וואו איהר וועט שפארען געלט און ווערען ריכטיג באהאנדעלט. איך קויפען מיר אפ טרימינגס פון אייך, ווען איהר האט וואס צו פארקויפען און אלעס, וואס איהר דארפט, איז אונז צו טעלעפאנירען און מיר וועלען שיין צו דעם אטענדען. פארסעלס העכער פון $3 דעליווערען מיר צו אייך, עס מאכט ניט אויס וואו דאס איז. ארדערס אויסער טאראנטא שיקען מיר צו אייך צו יעדער צייט. ביק און קא. 279 קווין סט. וועסט. טעלעפאן אדעלייד 1493 אדער קאלעדזש 8110.
905—12—5

בעקאנטמאכונג.

נאך אן אבוועזענהייט פון עטליכע וואכען צוליעב'ן געזונד האב איך זיך יעצט צוריק געקעהרט צו מיינע ביזנעס און בין אין שטאנד צו אטענדען אזוי ווי בעפאר. דזשיי. בוק 279 קווין סטריט וועסט.
612—11—12)

הארדוואוד פלארס

קליר אק פאר 35 סענט א סקוועהר פוט, אנדערע גריידס פאר 28 סענט, געלעגט און געפינישט קאמפליט.
לערד 1 קין סטריט טעלעפאן דזשעראַרד 6029.
570—12—8

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט ארעלייד 153.

פאר מעטענרזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און גע־שליפען פון 10 סענט אויף העכער. אלע סארטען רייזערס, בליידס געשארפט. אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.

מיר קומען נאך דער ארבייט.

די אלבערט שארפער רייזער

180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט.

רופינג, וויליאם סאלטער, 152 בעי סטריט. ארעלייד 1098, דזשעראַרד 496.
855—11—28)

הויז רעפער קא. לימיטעד.

4—152 בעי סטריט.

מיר קוקען איבער און פארריכטען אלעס נויטיגעס אויף בילדינגס פון סעלער ביז דאך.

טעלעפאן ארעלייד 1098.
855—11—28)

פייפערהענגינג און פיינטינג.

דער אלטער באקאנטער פייפערהענגער און פיינטער פייפערט מיט די שעהנסטע פייפער און די בעסטע פיינט.

סעם קייטס, 166 אסינגטאן עוועניו טעלעפאן פארקדייל 3394.
3340—11—15

מיר רייפיירען אלע סארטען סטאוס, מיר ניקלען זיי, און מאכען אלע אנדערע ריפיירס צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען אייער אלטען סטאוו אויסקוקען ווי ניי. 80 דזשעראַרד סט. וועסט טעלעפאן ערעלייד W 5198
13505—12—1)

דעקער פיקסען.

מיר מאכען נייע גרעוועל דעקער און פיקסען אלטע, מיר מאכען פארשיעדענע פוירנים ארבייט. גוטע באהאנדלונג גלייך אטענדעט. אלע ארבייטען גאראנטירט און צו די ביליגסטע פרייזען. אימפיריאל רופינג און טינסמיטינג קא. 95 עלם סטריט. טעלעפאן אדעלייד 7631.
13418—11—24

האזמאן פייפערהענגער

פיינט און פייפערט צו די ווינטער פרייזען, 1 אלסטער סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 3023.
3591—12—10)

קאהען און סאהען

באריסטער'ס און נאטאריס פאבליק א. א. וו.
סאן לייף בילדינג.
60 וויקטאריא סטריט.
מיין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט W 4855
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 2619.

אויפמערקזאם

מיר מאכען דעקער און מיר פיקסען אלטע. אויך מאכען מיר רינוועס און אלע בלעכער ארבייט. אויך שטעלען מיר אריין נייע פארניסעס און פיקסען אלטע נאכפרעגען ד. ליען 1072 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן פארקדייל 6076.

סיטי דריי ווארק

349—351 קאלעדזש סטריט.

מיר נעהמען אן ארבייט צו קלינען, פארבען און פרעסען. אונזער מראק וועט קומען צו אייך ווען איהר וועט אונז טעלעפאנירען.

מיר נעהמען צו און דעליווערען ארדערס. טעלעפאנירט קאלעדזש 2628.

א הוסט איז א סימן פון קומענדער ערנסטער געפאהר באפרייט זיך פון דעם גלייך מיט א דאזע פון "דר. מייסיס קאף באלזאם". קיין אנדערע מעדיקאמענט גלייכט זיך צו דעם, אבסאלוט גאראנטירט. פרייז 35 סענט. צו באקומען בלויז ביי

Claide J. Halloran
דראגיסט.
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
טעלעפאן ארעליה 1281.

ברוך וועלוועל פעלדמאן

60 בעלוויו עוו.

פארקויפט און דעליווערט טשיקענס אויף שמחות צו ביליגע פרייזען. טעלעפאן קאלעדזש 1369.

— די —

שוויץ באד

אין 36 סענטער עוועניו

וועט זיין אפען

יעדען דינסטאג אווענט

וואו איהר קענט שלאפען א גאנצע נאכט

אין „פאלס קאורט״

איד חלש׳ט, ווען ער ווערט פאר׳משפט פאר פארקויפען שנאפס.

עס זיינען דא אידען אין טאראנטא וועלכע זיינען גאנצע שמעלקעס מיט׳ן ״פאלס - קאורט״; האבען אויף זיך א פראצעס פאר פארקויפען שנאפס, איז ביי די אידען אזא נאווינע, ווי אויפעסען א בייגעל, אדער געהן צו א ״מאוו״. אין געריכט קומען זיי מיט א שמייכעלע אויף די ליפען, ״שייקען הענדס״ ווי גוטע אלטע באקאנטע מיט אלע פאליציי - בעאמטע און דרעהען זיך ארום אין און דרויסען פון געריכט, - ווי גאנצע באלעבאטים. ס׳איז דא איינער א אידעל, א נידעריגער, מיט א קורץ - געשוירענער בערדעל און מיט א פליכעוואטע קאפ, וועלכע גלאנצט ווי זיין נאמען. איז ער גאר א גאנצער בן - בית אין געריכט ער האט די גרויסע זכיה גערופען צו ווערען פון די בעאמטע מיט׳ן ערשטען נאמען. און כמעט יעדען פריי־טאג קענט איהר איהם זעהן אין קארידאר פון געריכט. א צווייטער אידעל איז אזוי פאפולער אין געריכט, אז דער אטירני דזשענעראל אליין האט שוין פון איהם געהערט.

עס זיינען אבער אויך דא אזעלכע אידען, וועלכע קענען ניט פארטראגען די לופט פון געריכט, עס שטיקט זיי און ווערגט זיי, און קוים וואס זיי דערלעבען, אז זייער פראצעס זאל זיין פאריבער און זיי זאלען קענען ארויסכאפען זיך אויף דער פרייער לופט, ד. ה. אויב דער מזל שפילט זיי צו און זיי ווערען באפרייט.

אייבראהאם ראטשטיין פון 148 דאנדעס סטריט וועסט, געהערט צו דעם לעצטען סארט אידען. נעכטען, בעת זיין פראצעס פאר פארקויפען שנאפס איז אנגעגאנגען, האט ער אויף די פיס ניט געקענט איינשטעהן און זיך געמוזט אנלעהנען אן פארענטיש פון ״דאק״ און די גאנצע צייט האט ער געווישט דעם פנים מיט א נאזטיכעל, מ׳האט געקענט זעהן, אז דער איד שוויצט ניט ערגער ווי אין א טערקישע באד.

די באווייזע פון דער אנקלאגע זיינען געווען די שטענדיגע - מאנאטאנע. די פאליציי האט ארייגעשיקט א שפיאן, יענער איז ארוים מיט א פלעשעל, גלייך נאכדעם זיינען אריין די דעטעקטיווס און ארעסטירט דעם אידען.

די פארטיידיגונג איז געווען א שוואכע און צום סוף — א ווידערשפרעכליכע. ראטשטיין און זיין פרוי האבען עדות׳געזאגט, אז זיי האבען קיינמאל ניט פארקויפט קיין בראנפען, נאכמער: זיי האבען ניט אנגעזעהן אויף די אויגען דעם שפיאן ביז ער איז אריין מיט די דעטעקטיווס, און זיי האבען געבראכט צוויי אידען, וועלכע זיינען דעמאלט געווען אין הויז צו באשטעטיגען זייערע רייד. האט אבער איינער פון די עדות זיך אויסגעגליטשט און האט איבערגעפיהרט דעם גאנצען עסק. ער האט געזאגט, אז ער האט א געזעהן דעם שפיאן פריהער אין הויז און האט אפילו געזעהן ווי [illegible]. ראטשטיין האט איהם געגעבען א פלעשעל. נאר דאס איז געווען בלויז א מתנה, קיין געלט האט דער פרוי ניט גענומען.

דערהערענדיג אזעלכע דבורים, האט קאלאנעל דעניסאן געוואלט פארקלאגען דעם אידען מיט זיין פרוי פאר פאלש שווערען. אבער ער האט זיך באגנוגנט מיט באשטראפען דעם אידען צו באצאהלען 1800 דאלאר און אויך צו צוויי מאנאטען אין דזשייל - פארם.

דער הארבער אורטייל האט געבראכט דעם פראצעס צו א העכסט - דראמאטישען קלימאקס: דער פאר׳משפט׳ער האט גענומען זיך וואקלען, ווי א שכור און האט א פאל געטאן אויף׳ן פלאר ווי אן ארונטערגעזעגט בוים — דער איד האט גע׳חלש׳ט.

די פרוי איז צוגעפאלען צום מאן מיט א געוויין, מ׳האט איהר אפגעריסען פון איהם, און איהם א דערמינטערטען, האט מען אונטער די הענט ארונטערגעפיהרט אין צעל.

— יור וואוירשיפ, איהר זעהט, אז ער איז פיזיש ניט געזונט, באפרייט איהם פון תפיסה, לאזט בלויז איבער די געלט - שטראף — האט לאיער לעגנאקס גענומען בעטען דעם ריכטער. דעניסאן איז אבער געבליבען קאלט צו אלע געבעטען.

— ס׳איז אל - ראיט, ס׳איז דא א האספיטאל אין דזשייל - פארם. בראנפען - הענדלער און ליגנער נאך דערצו פארדינען נישט קיין בעסערס.

צוויי בולגארען ווילען העלפען דעם אידען אבער ס׳איז ארויסגעווארפען.

הערי שראליקער, דער גראסערימאן פון אנטאריא סטריט, וועט פאר די קומענדע צוויי מאנאטען זיך ניט דארפען דרעהען א קאפ מיט מסחר, מיט לייעניש און באהגעניש, און אויב ער האט פון זיין ביז איצטיגען האנדעל ניט אפגעשפארט קיין 15 הונדערטער, וועט ער אויף גאנצע פינף מאנאטען זיין פריי פון דער זארג — ווי א גראף וועט ער זיצען אין דזשייל - פארם, מ׳ט איהם דערלאנגען פון דאס בעסטע און שעהנסטע און ווען ער וועט זיך אביסעל צוגעוועהנען צו דער נייער סביבה, וועט ער, מסתמא, דערמאנען זיך אז אליקום צונזער׳ס ״די סאכע״ מאכען א פאראדיע, שטעלען ״דזשייל - פארם״ אנשטאט ״סאכע״ און לוסטיג אונטערזינגען עס.

דריי טעג האט זיך געצויגען דעם אידע׳ס פראצעס. נעכטען זיינען געקומען אין געריכט צוויי בולגארען ״טאני״ און ״עמילא״ און האבען געטאן זייער בעסט צו ראטעווען דעם אידען. ביידע האבען געשווארען, אז ״מייק״ דער שפיאן, זייער לאנדסמאן איז א קונד ביי דעם גראסערימאן. אין שראליקער האט ווידער געוויזען זיין בוך, וואו עס שטעהט בפירוש פארשריבען וויפיעל ״מייק״ קומט אים פאר פארשידענע גראסערי זאכען, דער איבערזעצער מאר קאוויטש איז גאר א גוטער איד (נודמא), און איינגעהער אין געריכט און א גאנצער קנעפעל מיט דעם בראון אטורני) האבען זיך געבראכען די קעפ איבערצולייענען דעם אידישען כתב. ״מייק״ איז אבער געבליבען פעסט ביי זיינס, אז ער האט בלויז בראנפען געקויפט ביי דעם אידען. און פונקט אזוי זיכער איז קאלאנעל דעניסאן געווען אין שראליקער׳ס שולד און האט איהם פאר׳משפט צו א שטראף פון 15 הונדערט דאלאר און צוויי מאנאטען תפיסה.

״ניק״ מאכט היק, ווען ער קריגט א חיק.

מיט ניק מערעזשעטשני האט מען געמאכט פונקט אזוי ווייניג צערעמאניעס, ווי מיט אנ׳אנדער אמאל - באריהמטען ״ניק״.

צוויי דעטעקטיווס האבען געשוואוירען, אז דער רום האט פארקויפט בראנפען און כאטש מ׳האט ניט געפונען די מארקירטע געלט און דער אנגעקלאגטער מיט זיין פרוי האבען פארזיכערט, אז זיי האבען קיינמאל ניט פארקויפט קיין בראנפען. האט אבער ריכטער דעניסאן געגעבען א חיק דעם ״ניק״, א שניט איבער׳ן האלז מיט אן אורטייל פון 15 הונדערט דאלאר און 30 טעג תפיסה, אז דעם ״ניק״ איז נאר׳ן חיק גארנישט געבליבען צו טאן ווי צו צאפלען זיך און ארויסקרעכצען: היק, אוי איז דאס געווען א חיק!

ער וועט שוין איצט האבען קאלט און ווארים.

דזשאזעף קראוויץ איז א יונגער בחור, איינאנצוואנציג יאהר אלט, און על - פי אלע נאטור - געזעצען האט איהם איצט באדארפט זיין ווארים, זעהר ווארים. ביי אזא בחור׳ל וויל די נאטור, דאס בלוט זאל היים שטראמען, ער זאל ברענען און פלאקערען אזוי אז זומער - פויגעלאך זאל אפברענען די צארטע פליגעלאך . . .

לאזט זיך גאר אויס אז דעם בחור איז געווען קאלט, מורא׳דיג קאלט, און ער האט געהארפט האבען פוטער, גאנצע פעלצען צו האלטען זיין קערפער ווארים, און אזוי ווי ער איז א פאר - ארבייטער, האט ער עס לייכט געקענט אויספיהרען, אמת אהן דעם וויסען פון זיין באלעבאס, הערי ראוז.

נעכטען האט דער קאלט - בלוטיגער בחור מודה געווען זיך אין זיינע זינד און דעם קומענדען יאהר וועט איהם שוין דערפאר זיין קאלט און ווארים.

ער וויל פראצעסירט ווערען פון נייעם ריכטער.

שנעל ווי א בליץ האט זיך צוטראגען איינערנעכטען די פרעהליכע נייעס אז דער נייער ריכטער ערמאנד דזשאנעס באשטראפט בלויז מיט 200 דאלאר בראנפען - הענדלער.

הערי קארעל, א אידישער בחור אנגעקלאגט פאר פארקויפען שנאפס, האט עס אויך דערהערט און אויסער זיך פאר שמחה, האט ער נעכטען פארטרויט דעם בראון אטורני א סוד:

— איך וויל פראצעסירט ווערען פון נייעם ריכטער, באצאהלען 200 דאלאר און פטור אן עסק.

— ברודערקע, וועסט פראצעסירט ווערען קומענדע וואך, און איך קען דיר ניט פארזיכערן, ווער עס וועט זיין דער ריכטער — האט דער בראון אטורני געענטפערט מיט א שמייכעלע.

קארעל האט א טרויעריגער פארלאזען דאס געריכט.

דעם לעזערס ווינקעל

געעהרטע רעדאקציע!

ערלויבט מיר דורך אייער צייטונג באדאנקען דעם פאלקס פאראיין פאר זיין אינטערעסירען זיך מיט די ארעמע קראנקע. אזוי ווי דא איז געווען זומער צייט א קאמיטע פון פאלקס פאראיין און האט איטליכע קראנקען געהאלפען, וועמען מיט א דאלאר און וועמען מיט א בגד. דאס גיט דעם קראנקען מוט צו ליידען די שמערצען און די אומשטענדען. דערפאר זאלען זיין געזונד די וועלכע אינטערעסירען זיך און דעם פאלקס פאראיין, ספעשעל מר. ראזענבוים און מר. קירשענבוים פאר זייער מיטפיהלען דעם קראנקען מיט אן אמת.

א מאסקאקער איד.

ווער זאגט אמת?

וואשינגטאן, נאוועמבער, 9

בעאמטע פון קריעגס דעפארטמענט און פון דער ארמיי האבען אפגעלייקענט די באהויפטונג וואס איז געמאכט געווארען אין דייטשען פארלאמענט: ״אז די אמעריקאנער סאלדאטען אין דייטשלאנד האבען געשכור׳ט און באגאנגען מאראלישע פארברעכענס״ (מען וואלט געדארפט א פרעג טון ביי די דאזיגע אפליקענער פאר וואס די פאראייניגטע שטאאטען לעבט איצט אין אזא טויט - שרעקעניש פאר ווענערישע חולאת׳ן וואס די סאלדאטען האבען פארשפרייט צווישען פאלק און צו אס איז געקומען פון זייער מאראלישער אויפפיהרונג.

געוועזענער קעניג פון באיערן געשטארבען

פאריז, נאוועמבער, 10.

דער געוועזענער קעניג פון באיערן לודוויג דער 3-טער איז געשטארבען אין עלטער פון 75 יאהר.

די טעלעגראמע וואס קומט פון מינכען מעלדעט, דאס דער עקס - קעניג וואס האט פארלוירען דעם טראן בשעת דער דייטשער רעוואלוציע איז לעצטענס געווען געריהרט פון זין. ער איז די גאנצע צייט געווען אין שווייצאריען.

די ראטשטיין פורניטשור קא.

לאזט וויסען אז זי האט ניט קיין שייכות מיט דעם ראטשטיין פון דאנדעס סטריט, וועלכער איז געבעטען באשטראפט געווארען פאר פארקויפען בראנפען און דאס ער באלאנגט גאר ניט צו זייער פאמיליע

די ראטשטיין פורניטשור קא.
569 קוין סטריט וועסט

אין דעם משיניק
שיט אריין א טיי לעפעלע
"SALADA"
אויף יעדע צוויי גלעזער שיט אריין אויף פרישע זודיג וואסער און לאזט שטעהן אויף פינף מינוט. דער רעזולטאט וועט זיין די בעסטע טיי, וואס איהר האט אמאל פארזוכט.

לעגענדען און ווירקליכקייטען

(פארזעצונג פון פירוש 4.)

ער דארף אויך זיך ניט נעהמען התחייבות מיט וועלכע ער האט זיך קיינמאל ביז איצט ניט באשעפטיגט.

בנוגע דער הנהלה, האבען די אמעריקאנער אויך געהאט נייע משונה׳דיגע פארשלעגע א קאמיטעט פון דריי, וועלכער זאל אליין באשטימען אן אקציאנס קאמיטעט, א מין מיניסטעריום, פון בעהיגע מענשען, דווקא אהן וואהלען, אין דעמאקראטישע לענדער איז דער מנהג, אז אן אקציאנס קאמיטעט ווערט ניט אויסגעוועהלט, נאר מ׳שלאגט פאר איין מענשען צו שאפען א קאבינעט. די גוטע זייט אין דעם איז, לויט דער מיינונג פון די אמעריקאנער, אז פאר יעדע ארבייט ווערט באשטימט א פאך - מאן מיט וועלכען מ׳רעדט זיך דורך און מ׳שטעלט איהם געוויסע תנאים. אנדערש איז אבער ווען איינער ווערט אויסגעוועהלט. אין פארלאמענט זיצען על פי רוב באוואוסטע מענשען, וועלכע קאנען שעהן רעדען, שיטען מיט פיינע פראזען, אדער אזעלכע וואס זיינען נושא חן ביי דער אדער יענער פארטיי. וועהרענד מענשען, וואס זיינען פועל פעהיגער, זיי ווערען ניט צוגעלאזען און קיינער ווייסט פון זיי ניט. די וואהלען הארבען פארקומען איינמאל אין דריי יאהר און אויב אין דער צייט קומט פאר דער קאנגרעס, דארף ער טראגען דעם כאראקטער פון אמעריקאנער קאנגרעס, לייזען פארשידענע פראגען, שאפען געזעצע, אויסארבייטען פלענער, אבער דער פרעזידענט מיט זיין קאבינעט בלייבען אויף זייער פלאץ און טון זייער ארבייט. ס׳איז קלאהר, אז די קאנסטיטוציע איז עכט אמעריקאניש — דארויף זיינען זיי דאך אמעריקאנער, — אבער אמעריקא באשטעהט דאך ניט פון אבי־עמען, נאר פון פרייע מענשען, וואס ווילען: וואס פרייהייט און דעמאקראטיע בייטען.

דאס איז די אמעריקאנער מסובכנה שיטה, וועלכע איז ניט אנגענומען געווארען אין דער קאנפערענץ. אויסער מאנכע קליינקייטען. איך וויל זיך ניט אפשטעלען צו קריטיקירען די פלענער און פארשלאגע, צווישען וועלכע עס זיינען נאך מיין מיינונג, פאראן גוטע און שלעכטע זייטען, אבער איין זאך מוז קלאר זיין, אז אויב א טעות איז אין עס פאראן איז אין דעם אבער ניטא קיין פאלט און אלע געשריי און צאנקערייען זיינען גאנץ איבעריג. מ׳רעכנט אין נאך שווערע עבירות: די אמעריקאנער דעלעגאציע איז געווען דיסציפלינירט שטארק און די קלענערע זיינען באאיינפלוסט געווארען פון די גרעסערע און זיי האבען זיך ניט ארומגעריסען איבער יעדער פראגע, ווי דער מנהג איז ביי אונז, אפילו צווישען די ״צעירי ציון״ און ״פועלי ציון״; און אז די אמעריקאנער האבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דער קאנפערענץ. דאס איז אמת, אבער אין דיזע עבירות זיינען אלע געבאפט. דער גרעסערער האט שטענדיג מעהר איינפלוס און אויב אוסישקין וויצמאן, סאקאלאוו און בראנדייס האבען אין דער ציוניסטישער וועלט בכלל און אויף דער קאנפערענץ בפרט געהאט למשל, מעהר השפעה אלס איך, איז ניטא וואס צו באקלאגען זיך. ס׳איז א גאנץ נאטירליכע זאך.

אלענפאלס איז הערוויל דער ״שד״ ניט גרויס און די קלאגען וועגען ״שפאלטונגען״, מחלוקות און סכנות זיינען גרונדלאז. ס׳איז פאראן א חלוקי דעות, אבער ניט קוקענדיג דארויף איז [illegible] אחרות און אויב מיר מיינען ערנסט וועט אויך זיין ארבייט און ערפאלג.

פאר
קאך
עקאנאמיע
MAZOLA

עקזימא
איר מאכט קיין עקספערימענטען ווען איר נוצט דר. טשייס׳ס זאלב פאר עקזימא און הויט קראנקהייטען. עס פארלייכטערט מאמענטאל און היילט לאנגזאם די הויט. סעמפעל באקס פון דר. טשייס׳ס זאלב פריי אויב איהר דערמאנט דיזע צייטונג און שיקט 2 סענט סטעמפ פאר פאסטעדזש. 60 סענט א באקס, ביי אלע הענדלער אדער עדמאנסאן, בייטס און קא. לימיטעד, טאראנטא.

דר. ב. לאנדוי
דענטיסט
האט איבערגענומען דר.
סיגעל׳ס אפיס
איף דאנדעס קאר. ספעדינע
קאלעדזש 6073

נאר 3 טעג פארבליבען

זונטאג פארלאזט הערר ד. קערצער קענעדע אום אפ צופאהרען נאך פוילען און אוקראינע.

אויב איהר דענקט וואס טון פאר אייערע לייטע — געלד געבען, ארנגדזשמענטס מאכען — קומט זאפארט.

Graner & Co.
181 Queen St. W.
TORONTO
טעלעפאן עדלייד 4785

A Photograph from War-Stricken Europe
(All are seven years old—largest child is normal)

טוט דאס אלס אנדענקען פון וואפענשטילשטאנד טאג

די מלחמה האט געמאכט מיליאנען פאטערלאזע קינדער אין אייראפא. פיעלע פון זיי זענען פארקרענקט און אפגעשוואכט אום מאנגעל אין ריכטיגער שפייז. טויזענטער שטארבען פון מאנגעל אין אסענגווארג, זיי ווערען פארצוקט פון חולאת׳ן. מיליאנען קינדער וואקסען אויף שוואכע און ניט-ענטוויקעלטע, דערפאר וויל עס פעהלען אום מילך, צוקער, און פעטס וואס איז נויטיג פאר דער נארמאלער ענטוויקלונג.

אט די זענען דאס די צוקונפטיגע בירגער פון צענטראל און מזרח אייראפא. אויף דעם אופן ווי אזוי מען וועט זיי ערציהען, איז אנבאלאנגען צו זאלען יענע נאציאנען זיין געזונטע און נארמאלע אדער א מישמאש פון פארווילונג און דעגענערירונג. אין נאמען פון דער צוקונפטיגער ציוויליזאציע מוזען מיר ראטעווען די קינדער.

עס נויטיגט זיך $3 א חודש צו קאנען ריכטיג אויסהאלטען א קינד א חודש צייט. די אייראפעאישע לענדער קאנען אליין שאפען ניט מעהר פון $2 פאר בעזען ציועק. די נויטיגע פעטס, מילך און אנדערע זאכען קאסטען $1 א חודש. און אט דיעזער דאלאר איז דער וויכטיגער

די הורבנות פון טיפוס

אין דער צייט וואס די קינדער ליידען אזוי פיעל בושעוועט צווישען די דערוואקסענע מענשען דער שרעקליכסטער טיפוס. און די גרעסטע נויט, איינער פון דעם רעד קראס וואס האט געמאכט אן אונטערזוכונג זאגט:

„אויף דעם שטיקעל פלאץ צווישען דעם באלטישען, אדריאטישען און שווארצען ים הערשט אזא נויט אז די מאדערנע וועלט האט נאך אזעלכעס ניט געזעהן. עס פעהלען מעדיצינישע און סאניטארישע מיטלען. עס זענען פאקטיש ניטא קיין דאקטוירים און נוירסעס. שפייזען און קליידער פעהלען. די ליידען געפינען זיך אין יעדער פאמיליע״.

דער מלחמה הילפס פאנד פון דער בריטישער אימפעריע

האט אונטערנומען צו העלפען ליגדערען יענע שמערצען און ליידען פון דעם פארפעסטעטען וועט פארוואלטעט ווערען מיט רעד קראס סא - אייראפא. און ראטעווען די קינדער. דער פאנד סייעטים פון אייראפא.

שיקט אדער ברענגט אייער בייסטייערונגען

קענעדיען רעד קראס

The Canadian Red Cross

Enclosed find { cheque / money order for $ / cash } ....
as my contribution to the Canadian Red Cross Society for European Relief.
Name ....
Address ....
Please send your subscription to the local Red Cross Branch or to The Canadian Red Cross, 410 Sherbourne Street, Toronto.

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
• PUBLISHED BY •
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide 3662
Subscription Rates $6 Per Year, $3.50 Six Months
Single Copy — 3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ontario
Janury 22nd 1913

לאיד דזשארדזש האט ווידער גערעדט

ראבערט דעלל, דער לאנדאנער קארעספאנדענט פון דער ניו-יארקער „פרישאן" האט אין איינער פון זיינע לעצטע קארעספאנדענציעס צו יענער צייטונג, וועלכע איז ערשיענען אונטער'ן נאמען „דער סוף פון דעם אנטאנט" כאראקטעריזירט לאיד דזשארדזש'ס שטעלונג פאר דער גאנצער צייט, סיי אין דער מלחמה און סיי ביי די פריעדענס - פארהאנדלונגען.

לויט זיין מיינונג, וואלט לאיד דזשארדזש געקענט דורכפיהרען אין פאריז ווילסאנ'ס טייערע בארימטע געווארענע פערצעהן פונקטען, ווען ער וואלט דאס נאר געוואלט. ער האט דאס אבער ניט געוואלט, ווייל ער האט ניט געקענט. לויט דעלל'ס מיינונג האט לאיד דזשארדזש ניט קיין פארטיי אויף וועלכער ער זאל זיך שטיצען. דאס לעצטע באקומט ער נאר פון א גרופע קאפיטאליסטען, וועלכע פינאנסירען זיינע קאמפיינס. זיי האט ער געמאכט פארשפרעכונגען, און ער האט דארום געמוזט ארבייטען פאר אזא פריעדען, וואס זאל זיך לוינען פאר דיעזער גרופע.

דאס איז איין כאראקטעריסטישער שטריך וועגען לאיד דזשארדזש'ן, אבער די איבעריגע שטריכען, וועלכע ראבערט דעלל גיט אן זענען אויך ניט ווייניגער אינטערעסאנט. לויט זיין אפשאצונג זוכט זיך שטענדיג לאיד דזשארדזש ארויסצודרעהען, ווען ער פאלט דורך, און לייקענט אפ אלעס וואס ער האט פריהער געזאגט, און אז אפטמאל רעדט ער וועגען זאכען אבוואהל ער דענקט גאר גאנץ אנדערש פון זיין ארויסגעזאגטער מיינונג, און האט עס קיינמאהל ניט בדעה דורכצופיהרען.

און ראבערט דעלל'ס אפשאצונג וועגען דעם ענגלישען פרעמיער מוז גענומען ווערען אין באטראכט, ווען מען וויל ערקלעהרען לאיד דזשארדזש'ס שטעלונג צו סאוויעטען-רוסלאנד.

גיפיעל פארשידענארטיגע ערקלעהרונגען האט שוין ניט לאיד דזשארדזש געמאכט וועגען רוסלאנד, און יעדע איינע פון זיי איז א געגענזאץ צום צווייטען. און יעדע ווייטערדיגע ערקלעהרונג זיינע וועגען רוסלאנד איז דער פולשטענדיגער היפוך פון דער פריהערדיגער.

ווי לאנג איז עס דען, אז לאיד דזשארדזש האט גערעדט מיט גיפט און גאל וועגען רוסלאנד, און אט האט ער שוין גאנץ אנדערש גערעדט.

און — הפה שאסור הפה שהתיר. דאס זעלבע מויל וואס האט פריהער געשאטען פעך און שוועבעל אויף רוסלאנד, האט יעצט כמעט ווי פארטיידיגט סאוויעטען-רוסלאנד.

אין לאנדאן איז דינסטאג דעם ניינטען נאוועמבער אינסטאלירט געווארען א נייער לארד-מעיאר, און ביים באנקעט וואס איז דערביי געגעבען געווארען איז דער פרעמיער געוועזען איינער פון די הויפט-רעדנער.

אין זיין רעדע האט לאיד דזשארדזש בארירט די פארשיעדענע פאליטישע פראגען פון טאג. אין וועלכע ענגלאנד איז שטארק פאראינטערעסירט, און פארשטעהט זיך אז ער האט אויך ניט דורכגעלאזען רוסלאנד.

„באלשעוויזם", האט לאיד דזשארדזש ערקלעהרט אין זיין רעדע, „איז אן איבערגעהענדע זאך וואס קען ניט לאנג אנהאלטען. עס איז אזא אוממעגליכקייט און משוגעת, אז עס קען ניט עקזיסטירען, אבער וואס עס קען יא בלייבען איז — אנארכיע. דער באלשעוויזם וועט פארשווינדען, אבער איבער רוסלאנד וועט אריינפאלען אין אנארכיע. וועט עס נעהמען דורות איידער עס וועט קענען צוריק אויפגעבויט ווערען. זי וועט דאמאלסט זיין א טויטער פארלוסט פאר אייראפע. נאך ערגער — א גיפט וואס וועט פארסמ'ען די גאנצע וועלט. מיר מוזען טראכטען אלעמען פאריזכען צו האבען פריעדען. איך ווייס די שוועריגקייטען, אבער פריעדען איז נויטיג".

לאיד דזשארדזש האט ניט גערעדט אפען וועגען שלום מיט סאוויעטען-רוסלאנד, אבער פון די ציטירטע רייד איז עס ליכט ארויסצוזעהן, אז לאיד דזשארדזש דענקט שוין יעצט אנדערש ווי ער האט געדענקט מיט עטליכע טעג צוריק.

די פראגע איז אבער, וואס וועט לאיד דזשארדזש זאגען עטליכע טעג שפעטער, און ביי וועלכער שטעלונג ער וועט בלייבען.

פאר ענגלאנד'ס שטעלונג צו רוסלאנד איז אבער לאיד דזשארדזש'ס האלטונג מעהר ווי כאראקטעריסטיש.

די „צעירי ציון" ווילען קאמוניזם, — דער מזרחי דעם רוח התורה, די אלגעמיינע ציוניסטען סתם ארץ ישראל, די פועלי ציון א סאציאליסטישע רעפובליק — און אלע רעדען אינ'ם נאמען פונ'ם פאלק. און זאגען אז דאס וואס זיי ווילען, וויל דאס פאלק.

ווער זשע איז דאס פאלק?

אייגענע העלפט מען גיכער ווי פרעמדע.

און וועלכער איד האלט זיך עס דען פאר קיין שרייבער?

האט איהר שוין ביינעשטייערט צום שרייבער פאנד?

אזוי זאגט מען פאלען די פרייזען. אבער אין היגען פאליצי געריכט האלטען די שטראפען אין שטייגען.

האבען חברה אויך ניט געהעכערט די פרייזען אויף „פלעשלאך"?

רוסלאנד האט שוין א נייע פאן אויך.

א נייע פאן. א נייע רעגירונג. א גאנץ ניי פאלק כמעט. און פראנקרייך וויל נאך אלץ די אלטע חובות.

דער קריזיס אין דעם אונגארישען יודענטום

פון דר. ישראל ראפאפארט.

כדי צו ערקלערען די איצטיגע לאגע פון דעם אונגארישען אידענטום איז נויטיג צו געבען א באגריף פון דער באפעלקערונג פון יענעם לאנד. און אלע זיינע שיכטען און באזונדערס וועגען די אידישע מאסען וועלכע געפינען זיך צווישען די פארשיעדענע סאציאלע און עקאנאמישע שיכטען.

ערשטענס, האבען מיר אין אונגארן די אידישע אריסטאקראטיע, מיטגליעדער פון דעם אדעל קלאס פון לאנד. בעסער געזאגט. עס איז אמאל געווען אזא קלאס, ווייל די אידישע אריסטאקראטיע האט זיך אזוי פיעל אויסגעמישט מיט די פעלקער אין אונגארן, אז עס איז היינט פון איהר וועניג וואס געבליבען וואס מען קאן באצייכנען מיט דעם נאמען. מען דארף אויף דעם קיין קריעה ניט רייסען, ווייל די דאזיגע דעזערטירער האבען זיך אימער געשעמט מיט זייער פאלק און האבען קיינמאל ניט רעספעקטירט דעם אידישען נאמען.

צווייטענס, קומט די צאהלרייכע אידישע אינטעליגענץ וועלכע, ווי באוואוסט, פארמירט אין אונגארן זעכציג פראצענט פון דער אלגעמיינער אינטעליגענץ — א גאנץ גרויסע צאהל ווען מען ווייסט אז די אידען זיינען בלויז זעקס פראצענט פון דער גאנצער אונגארישער באפעלקערונג. אין אונגארן איז יעדער צווייטער אדוואקאט, דאקטאר, אדער אינזשעניר — א איד.

דער דאזיגער קלאס איז פאר דער מלחמה געווען אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין דער מאגיאר-געזעלשאפט און איז געווען מיט איהר אזוי אינטים פארבונדען — אז נאר אזעלכע איבערקעהרענישען, ווי די וועלכע האבען אין אונזער לאנד געבושעוועט די לעצטע צוויי יאהר האבען געקאנט פארניכטען זייער מצב. די אידישע אינטעליגענץ האט פאקטיש איינגאנצען פארלארען דעם באדען אונטער די פיס.

די דריטע שיכטע באשטעהט פון סוחרים, מעקלער, קאפיטאליסטען און פאבריקאנטען וואס איז אויך א גאנץ צאהלרייכער קלאס.

אין דער הויפט שטאדט, — דאס „הארץ" פון אונגארן, — האט זיך דער קלאס באדייטענד אסימילירט, אבער ער האט זיך וועניג וואס אסימילירט אין די פארווארפענע געמיינדעס.

די פערטע שיכטע באשטעהט פון א גרופע קליינע בעלי מלאכות און ארבייטער.

די אידישע אריסטאקראטיע אין אונגארן איז הויפטזעכליך באשטאנען פון גרויסע גוטסבאזיצער, וועלכע קאנטראלירען זעהר גרויסע ארענדעס. זעלבסטפארשטענדליך האבען זיי געשפילט א וויכטיגע ראליע פאר און בשעת דער וועלט מלחמה. ווען אונגארן האט ענדליך צוזאמענגעבראכען, איז דאס געווען פאר זיי א שטארקער קלאפ, ווייל די פויערים וועלכע האבען זיך צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה האבען קודם כל צוגענומען אלע זייערע לענדערייען, שטילענדיג זייער הונגער פאר לאנד מיט די גוט קולטיווירטע „אידישע ארענדעס" — וועלכע מען האט גערופען אידישע ארענדעס אפילו ווען זייער בעל הבית איז געווען א משומד! דאס איז געווען אזא נאטירליכע ערשיינונג דאס קיינער האט זיך איבער דעם ניט געוואונדערט.

כאטש עס ארט קיינעם ניט פאר די דאזיגע בעלי הבתים איז אבער דער שיקזאל פון דער אידישער אינטעליגענץ זעהר וויכטיג פאר אונז. די אידישע אינטעליגענץ אין אונגארן, האט געליטען און ליידט אצינד מעהר פון אלע אנדערע קלאסען. זי האט געליטען בשעת דער מלחמה ווען זי האט געבלוטעט און געהונגערט פאר אונגארן, און זי ליידט א הונדערט מאל מעהר אצינד ווען, אהן א באדען אונטער די פיס שטעהט זי פנים אל פנים געגען א פארביטערטען שונא. אויף דעם דאזיגען קלאס האט די מאגיארער אינטעליגענץ גופא אנגעפאנגען אן אויסראטונגס מלחמה, באנוצענדיג זיך מיט דער האלבער אינטעליגענץ (קליינע בעאמטע א. א. וו). איך ווידערהאל: אז עס איז אן אויסראטונגס מלחמה. א מלחמה אויף לעבען און אויף טויט. איהר ערשטע האנדלונג איז געווען אויסצושליסען די אידען פון די אונגארישע אוניווערזיטעטען, אזוי אז היינט איז דארט אפילו קיין איין אידישער סטודענט ניט רעגיסטרירט. ווידער, אידישע פראפעסיאנעלע ארבייטער זיינען נאך א זעהר קורצער ווארנונג, אויסגעשלאסען געווארען פון אלע שפיטאלען און וויסענשאפטליכע אנשטאלטען. דאס האט געבראכט דערצו אז טויזענטער אידישע דאקטוירים, פראפעסארען אינזשינירען און אזא ווייטער זאלען ווערען אזוי פאראריעמט אז זיי זאלען ניט האבען גענוג אויף איבערצולעבען א טאג. דערזעלבער פיינדליכער געפיהל צייגט זיך ארויס אין אין דער געזעצגעבונג און אין די קהל'שע אמטען אפילו אידען האבען דערפאר אויפגעהערט אנצופארטרויען זייערע משפטים צו אידישע אדוואקאטען, ווייל זיי ווייסען וואויל אז זיי קאנען ארויסקריגען א גינסטיגען אורטייל אין די דאזיגע געריכטס הייזער ווען עס זאל פאר זיי רעדען א קריסטליכער אדוואקאט. און דעריבער ליידען זעהר פיעלע אידישע לאיערס הונגער.

צו דער דריטער שיכטע געהערען סוחרים און פאבריקאנטען פון די פארשידענסטע סארטען. מיר האבען דא דעם רייכסטען מאן אין אונגארן, דעם איינגענטימער פון דער אמוניציע פאבריק אין טשעפעל — מאנפרעד ווייס. כמעט יעדען מאגיאר האט שטארק פארדראסען וואס דער דאזיגער איד איז בשעת דער מלחמה געווארען דער רייכסטער מאן אין אונגארן. מען האט געהאלטען אין איין דערצעהלען מעשיות איבער מעשיות וועגען די שווערע מיליאנען וואס מיר ווייס זאל האבען געמאכט, מען האט אבער קיין ווארט ניט דערמאהנט וועגען דעם אז עס איז ניט געווען קיין איין צדקה אנשטאלט אין אונגארן פאר וועלכען ער האט ניט געדעקט ווייניגסטענס פופציג פראצענט פון די אויסגאבען, און דאס איז נאך געווען אין א צייט ווען ער איז נאר ניט געווען אזוי רייך ווי ער איז אצינד. מיט דער הילף פון דער אונגארישער רעגירונג איז אנגעפאנגען געווארען א ביטערע מלחמה געגען אלע אידישע סוחרים און פאבריקאנטען. צוליעב דער בלאקאדע, און צוליעב דעם וואס מען האט צוטיילט דאס לאנד אויף אזוי פיעל קלענערע חלקים, איז יעצט זעהר שטיל אין קאמערץ און אין אינדוסטריע. אבער שוין זעהט מען ווי די אנטיסעמיטען שארפען די נעגעל און גרייטען זיך צו פאר דעם צוקונפטיגען קאמף. „פארבריכערס קאאפעראטיווע געזעלשאפטען" אנגעפיהרט פון קאטאליקען, באנקען און פארשידענע אנדערע אונטערנעהמונגען ווערען יעצט געגרינדעט, און עפענטליך געשטיצט פון דער רעגיערונג. אזוי אז, ווי נאר די געשעפטען וועלען זיך איינשטעלען, וועט זיך אנפאנגען דער ביטערער קאמף פון די דאזיגע ארגאניזאציעס געגען די אידישע סוחרים און באנקירען.

זייענדיג אונבאשיצט קאנען די אידען ניט מאכען קיין ערפאלגרייכען ווידערשטאנד געגען א קאנקורענץ, וואס ווערט אונטערשטיצט פון מאכט. עס איז איבעריג זיך צוצושפרייטען איבער דער לאגע פון די אידישע בעלי מלאכות און ארבייטער.

צו זיין אן ארבייטער אין אונגארן איז גאר ניט קיין פרעהליכער ענין; עס איז אבער טויזענד מאל ערגער ווען מען איז ניט נאר אן ארבייטער נאר א איד דערצו. דאס איז דערפאר וואס די אידישע ארבייטער אין אונגארן ווערען באשולדיגט אין באלשעוויזם. אבער דאס איז ניט אמת, ווייל די אידישע ארבייטער זיינען געווען די ערשטע איינצוזעהן דעם אומזין פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע אין אונגארן און זיי זיינען געווארען די ערשטע קאנטער-רעוואלוציאנערען.

דאס איז אין קורצען די לאגע פון די אידען אין אונגארן. נאך מעהר, וואס לענגער די איצטיגע לאגע אין אונגארן בלייבט אין קראפט, אלץ קלענער ווערען די אויסזיכטען אז די אונגארישע אידען זאלען ווען עס איז קעמען אנפאנגען צו פיהרען א רוהיגען לעבען. די אונגארישע אידען זיינען אין דעם פאקט אזוי איבערצייגט דאס זעהר פיעלע פון זיי זוכען א געלעגענהייט זיך ארויסצוראטעווען פון אונגארן. זעלבסט פארשטענדליך, צוליעב דער מעגליכקייט אז אזוי פיעל אידען זאלען אויסוואנדערען נאך פאלעסטינא, איז די פאלעסטינער אגענטור פון בודאפעסט פארווארפען געווארען מיט ארבייט. אבער צוליעב די באשרענקונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אויף אידישער אימיגראציע נאך פאלעסטינא, האבען א סך אונגארישע אידען אויסגעוואנדערט נאך זיד אמעריקא, וואו מען האט זיי אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. אין אייניגע פעלע האבען די זיד אמעריקאנישע שטאאטען אפילו אוואנסירט די אימיגראנטען גאנץ גרויסע סומען אויף רייזע קאסטען.

די אונגארישע אידען וואלטען גערן אויסגעוואנדערט נאך די פאראייניגטע שטאאטען, האט אבער די רעגיערונג געמאכט זעהר שווערע אימיגראנטען געזעצען און חוץ דעם איז די אונגארישע געלד ראטע די קלענסטע אויף דער וועלט אזוי אז די אונגארישע אידען קאנען זייער געלד אבסאלוט ניט נוצען אין אזא לאנד ווי די פאראייניגטע שטאאטען.

דאס אונגארישע יודענטום, ארומגערינגעלט מיט אזוי פיעלע שונאים און אזעלכע גרויסע שוועריגקייטען, ווארט, און האפט אז די אמעריקאנער אידען וועלען העלפען לינדערען זייער שרעקליכע לאגע. עס איז ניט דערפאר, ווי אייניגע ציניקער ווילען האבען וואס דאס אמעריקאנער געלט האט א גרעסערען ווערט ווי אירגענד וועלכעס אנדערע געלט. עס איז דערפאר ווייל זיי גלויבען אז אמעריקא איז דאס פרייסטע, גליקליכסטע און דעמאקראטישסטע לאנד אויף דער וועלט. ווייל זיי ווייסען אז אמעריקא האט אימער און ביי יעדער געלעגענהייט געשטיצט די נויטלייהענדע אין אייראפא מיט דער פולער האנט, און לעצטענס דערפאר ווייל זיי גלויבען אז די אמעריקאנער אידען זיינען זייערע ברידער און וועלען זיי ניט פארלאזען אין דער צייט פון זייער שרעקליכער נויט. עס זיינען פאראן פיעלע אידען אין אמעריקא און קענערע וועמעס קרובים און ברידער קומען יעצט אפ די שרעקליכסטע ליידען אין אונגארן. אלעמאל האבען אידען געהאלפען איינער דעם צווייטען, און דעריבער בין איך איבערצייגט אז זיי וועלען זייער הייליגע פליכט ניט פארגעסען, און העלפען די ארעמע, נויטלייהענדע אונגארישע ברידער אונזערע אזוי ווי עס פאסט פאר א פאלק וועלכעס ווייסט וואס עס איז צו ליידען און איז אימער דער ערשטער אויסצושטרעקען זיין האנט אין א פאל פון נויט.

(סוף)

לעגענדע און ווירקליכקייטען

די אמעריקאנער שיטה.

פון א. אידעלסאן.

(רעדאקטאר פון „העולם".)

די פאליטישע ארבייט איז געענדיגט געווארען, געוועהנליך זיינען נאך פרטים איבערגעבליבען, ווי די פראגע פון די גרעניצען פון ארץ - ישראל, וועלכע וועט אין גיכען באשלאסען ווערען און ווייצמאן מיט סאקאלאוו'ן וועלען געוויס זייער חוב טון און ברייגגען צו א גוטען סוף. א שטענדיגע פאליטישע ארבייט, וואס פאדערט צו שטעהן אויף דער וואך יעדע מינוט, וועט שוין ניט זיין אין לאנדאן און אין ארץ - ישראל אוודאי ניט. דארט איז פאראן א פארוואלטער, וועלכער איז מיט'ן גאנצען הארצען פאר ארדנונג, שוין, פאר שאפען גוטע באציהונגען און פארווירקליכען אלץ אין'ם ריכטיגען גייסט. דער עיקר אין דער נאהענטער צוקונפט איז די ארבייט פון ישוב און אלע זיינע צווייגען.

צו באקומען געלד פאר'ן ישוב ארץ ישראל איז זעהר א שווערע זאך, לכל הפחות אין אמעריקא, אבער לאנגענע וועט מעגליך זיין צו שאפען געלד פאר באשטימטע אונטערנעהמונגען און אויב די פלענער וועלען גוט אויסגעארבייט ווערען, וועט אפילו מעגליך זיין צו קריגען היבשע סומען געלד. מ'קען למשל קריגען מיטלען פאר געזעלשאפטען פון הייזער - בוי, וואסער - לייטונג, באדען פארבעזערונג א. ז. וו. דערצו איז נויטיג, אז יעדער פלאן פון אונטערנעהמונג זאל צוגעגרייט ווערען דורך ספעציאליסטען, צו וועלכע עס האבען צוטרוי די דאזיגע וואס ווילען זיך אין דעם באטייליגען, ספעציאליסטען, וועלכע זיינען אפילו ניט קיין ציוניסטען. מען דארף ניט קאנצענטרירען אלע מינים ארבייט אין איין ארט און ס'איז אויך אונמעגליך, ווייל יעדע ארבייט האט איהרע באדינגונגען און איהרע ספעציאליסטען. ס'איז פארשטענדליך, אז מ'קען פאדערען פון פאלק צו געבען געלד פאר'ן ישוב סתם, אבער זיי רעכענען, אז די סומען וועלען ניט זיין קיין גרויסע. די סתם געלד וועט בלויז קאנען דעקען די הוצאות פון אימיגראציע, קולטור א. ז. וו. אבער עס וועט ניט זיין גענוג כדי נעהמען זיך צו א נייע ישוב - ארבייט, וועלכע איז סוף - כל - סוף דער עיקר פון דעם פאקט, וואס אידישע מאסען וועלען קומען קיין ארץ - ישראל אויף א כשר'ן אדער ניט כשר'ן וועג. ווערען די אמעריקאנער ניט נתפעל, טענה'נדיג, אז מ'חויבט ניט אן קיין ישוב - ארבייט, כדי די וואס הונגערען היינט, זאלען באזארגט ווערען מיט פרנסה; יעדע ארבייט ווערט אפגעשאצט בלויז אויף ווי ווייט זי איז נויטיג און ניצליך פאר'ן בנין פון לאנד. איהר צוועק איז בלויז צו שאפען אן אן עקאנאמיש לעבען און דאס וועט שוין שאפען פרנסה איצט אדער שפעטער. די וואס קומען אין ארץ - ישראל נעהמען די אחריות אויף זיך אליין. געפינען זיי פרנסה, מה טוב, אויב ניט,, זאלען זיי זיך געהן וואו זיי ווילען און קיינער איז ניט מחויב צו באשעפטיגען זיך מיט הילפס - ארבייט, תמיכה און אנדערע „סענטימענטען", וועלכע גיבען זיך אפ מיט צדקה פאר היינט און צושטערונג אויף מארגען.

אין'ם ישוב פון לאנד איז דער עיקר שאפען מאטעריאלע ווערטען. פאר קולטורעלע ענינים אין ארץ - ישראל דארף מען זעהן שפארען ווי ווייט ס'איז נאר מעגליך. זיי זיינען אין אלגעמיין ניט געווען געגען דעם באלאנס פון חנוך, אבער זיי האבען איהם געוואלט פארקירצען ווי ווייט ס'איז מעגליך און גע'טענה'ט, אז די געזעלשאפט אין לאנד גופא דארף זארגען פאר דער קינדער ערציהונג און קולטורעלע באדערפנישע. גלייך ווי עס טוט יעדע אידישע קהלה אין גלות לענדער. ס'איז פארשטענדליך, אז אין איצטיגער צייט נויטיגט זיך דאס ארץ - ישראל אידענטום אין אויסערער הילף אבער א נייע - צוגעקומענעס שטיקעל ערד איז וויכטיגער פון א נייער שולע. אין דיזער הינזיכט שטעהען זיי אויף'ן שטאנדפונקט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ביז'ן לעצטען קאנגרעס, וועלכער האט זיך ניט אפגעגעבען מיט קולטור ארבייט אין ארץ - ישראל, ביז'ן לעצטען סכסוך מיט „הילפס פאראיין". ערשט דערמאלט האט די ארגאניזאציע איבערגענומען דעם חנוך צוליב דער נייער אונפארווארטעטער לאגע. אבער דאן איז די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג געווען בלויז א קולטורעלער ענין און איצט האבען מיר וויכטיגערע אינטערעסען.

שטיצענדיג זיך אויף דער אלטער ציוניסטישער שיטה זיינען זיי אויך געגען קולטורעלע ארבייט אין גלות. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך קיין מאל דערמיט ניט באשעפטיגט און הערצל האט אמאל נאאיוו געפרעגט: „וואס איז עס אזעלכעס קולטור?" די קולטורעלע ארבייט האט געהאט א באזונדערע ארגאניזאציע און אפילו די לאנדעס ארגאניזאציעס האבען זיך קיינמאל דערמיט ניט געהאט צו טון. נאר זיי האבען עס געשטיצט בלויז דורך זייער איינפלוס. מיט וואס זשע איצטיגע צייט אנדערש פון אמאל? זיי האבען ניט גע'טענה'ט געגען קולטור, בכלל צו זי איז נייטיג אדער ניט. זיי האבען בלויז גע'טענה'ט אז די ארגאניזאציע דארף זיך דערמיט ניט באשעפטיגען און דארף דארויף ניט אויסגעבען קיין געלד. די דאזיגע טענה האבען זיי באנוצט בנוגע צו אלע ארבייטען אין גלות, מיט וועלכע דער אקציאנס קאמיטעט האט זיך קיינמאל ניט אפגעגעבען. דאס איז אן ענין פאר יעדען לאנד באזונדער לויט איהרע באדינגונגען, און מ'קען ניט צוגלייכען די אידישע פאליטיק אין אמעריקא צו דער אידישער פאליטיק אין פוילען. דער אקציאנס קאמיטעט האט גענוג ארבייט אהן דעם און

(פארזעצונג אויף זייט 3)

מענשען אין אפגרונד ✤ ראמאן

פון יעקב פינגערמאן

אידיש פון א. ריינווין

ישראל זאנגוויל געווידמעט

(נייטע פארזעצונג)

ער איז אליין צוגעגאנגען צום אויוון, אבער אין דעם „קוילען-עמער" האט ער געפונען בלויז עטליכע קליינע שטיקלאך קוילען.

„דייקסער, זיינען גאר קיין קוילען נישטא? א באלעבאטישקייט, מ'שטיינס געזאגט. מאדאם לעבען, האט איר גאר ניט קיינע קוילען?"

רחל האט געשמייכעלט: „מען קען זיי אפילו ניט באקומען. איך וואלט דעם הער פעלדפעבעל זעהר דאנקבאר געוועזען, ווען ער וואלט מיר געקענט פארשאפען עטליכע וועגען קוילען. ביי דער באהן איז דא גענוג", האט זי פארענדיגט מיט אן אנציהענדען געלעכטער.

דער פעלדפעבעל האט א פיר געטון איבער זיין בארד, און באריהרענדיג דער באלעבאסטע'ס ארעם האט ער געזאגט: „אבער יא, פאר אזא היבש ווייבעל — אלעס. מארגען וועט איר קריגען א פור קוילען".

„איך זאג א גוטער מענש!" האט די ווירטין נאך פארפיהרערישער געשמייכעלט. „איך וועל גערן יעדען פרייז באצאהלען פאר דעם".

„אה, אין געלט געהט דא ניט. עס קאסט גאר ניט, איך וועל שוין פון אייך באצאהלט ווערען", האט געענטפערט דער פעלדפעבעל מיט א פרעכען בליק.

באכשטיין האט געשפאנט געקוקט אויף רחל'ן. וועט זי יעצט גענוג מוט האבען דעם פרעכען חברה מאן צו ווייזען די טיר? צום ערשטען מאל האט ער דערפיהלט אייפערזוכט-יסורים.

רחל האט דעם פעלדפעבעל געדריקט די האנט, און ניר געזאגט: „אבער ניין!"

מען האט אנגעהויבען שפילען אין איין און צוואנציג. עס איז געוועזען א היציגע שפיעל. די שרייבער פון דער קרייז-קאמאנדע האבען געקעמפט איבער דער באנק. גאנצע פעקלאך מיט באנקנאטען און הויפענס זילבער-געלט האבען זיך געשאטען אויף'ן מיטען טיש. די אייניגע וועלכע האבען ניט געקענט מיטהאלטען האבען בלויז צוגעקוקט.

פעליקס האט זיך אנגעלעהנט ביים אויוון, „דאס געלט", האט ער געטראכט, „איז גנבה'ש געלט. מען האט עס ארויסגעפרעסט פון אידישע סוחרים פאר א רייזע-שיין, אפגענומען פון ארעמע פויערים דורך רעקוויזיציעס, אדער אויסגענארט פון די דומע לעבענסלוסטיגע פרויען. זיי זיינען איינברעכער און גנבים אין סאלדאטען רעק".

„איין און צוואנציג!" האט אויסגעשריען דער איזענבאהן-פעלדפעבעל. א צארן-געשריי פון די פארלירער האט נאכגעפאלגט זיין טריאומפיהרענדען אויסרוף. ער האט זיך אפגעווישט דעם שווייס פון שטערן, און מיט ביידע הענט צוגעשארט דאס געלט צו זיך. די שרייבער האבען געזוכט צו פארגעסען זייער כעס מיט געגענזייטיגע קללות. דער פעלדפעבעל האט אנגעשטאפט פול אלע קעשענעס, און מיט דער שווערד א קלאפ טוענדיג איבער'ן טיש, האט ער א זאג געטון: „חברה, איך צאהל פאר שאמפאניער!"

„הורא, שאמפאניער!" האבען די אייניגע צוגעברומט.

„מאראם לעבען, גיט אהער פינף פלעשער שאמפאניער — אבער אהן וואסער!"

מען האט געזויפט. די שרייבער האבען פארגעסען זייער כעס, און מיט געהאלטען. ביער, וויין, שנאפס, און שאמפאניער האט זיך אהן אונטערברעכונג געגאסען, און דערביי האט מען אויך געשלונגען גענזענס, הערינג און פארשיעדענע מעהל שפייזען.

די שטימונג האט דערגרייכט צום העכסטען פונקט ווען באגלייט פון אן אלגעמיינעם געלעכטער האט דער פעלדפעבעל אנגעהויבען צו דערצעהלען די אינטימסטע זאכען וועגען זיין פרוי. איינער פון די שרייבער האט געשילדערט זיין לעצטע אוואנטורע.

ווילקאשעווסקי איז א שכור'ער געלעגען אויסגעצויגען אויף דער פיאנא, און שניידער האט צוקלאפענדיג אויף די קלאווישען.

„וויען, וויען, נאר דו אליין,
זאלסט די שטאדט פון מיינע
טרוימען זיין!"

קאוואל האט ביטער געוויינט. מענצעל האט, נאך עטליכע אונגעלונגענע פארזוכען ארומצונעמען דעם טיש און צוברעכען די אויפגעהויבענע גלעזער, אויסרופענדיג מיט א הייזעריגער שטימע:

„מיינע הערען! קאמעראדען! בירגער פון דער וועלט, ניין, פון יענער וועלט! פאר וועמען נאך דארפען מיר אויסשרייען הורא?"

„פאר די ווייבער!"

„פאר אונזער אונטעראפיצער פון דעם רעכענונגס-אמט!"

„פאר וויען!"

„פאר דער שעהנער אלגא!"

„פאר דעם קארפאראל!"

„שכור'ע חזירים!" האט מענצעל געבוילט. „פאר דער רוסישער רעוואלוציע, פאר דער וועלט רעוואלוציע, פאר זיי דארפען מיר אויסרופען".

„האך, ה—א—ך, הו—רא—א!"

„פאר דעם סוף פון דער מלחמה!"

„פאר אונזערע קאמעראדען אין די גראבענס!"

„עס לעבע!"

„איר מוזט דאס געוועהר אוועקווארפען, זיי מוזען די טראנשייען פארלאזען. מיר אלע מוזען ארויס פון זיי!"

„פארלאזען! אלע טראנשייען פארלאזען!"

דער שכרות-טומעל האט זיי מיטגעריסען. זיי האבען געשריען, געפייפט, געזונגען און געקלאפט. פלוצלינג האט זיך דאס גאזליכט אויסגעלאשען, און זיי זיינען אנטשוואונדען געווארען.

רחל איז אריין אין צימער, און זיי געווארענט: „א זשאנדארען פאטרול! איילט אייך צו!"

זי האט אנגעצונדען א ליכט. אלע האבען געווארפען געלט אויף'ן טיש. דער פעלדפעבעל האט א שמייס געטון א טויזענדער, און דורך די הינטערשטע טרעפען זיינען זיי אלע ארויס אויף דער פריי.

אז פעליקס איז צוגעקומען צו דער טיר, האט איהם א ווייכע האנט צוריקגעהאלטען. הייסע ליפען האבען איהם געשושקעט אין אויער: „דו בלייבסט ביי מיר!"

ער האט א ציטער געטון און געפאלגט.

די לבנה האט געשטראהלט מיט איהר בלאסער צפון-ליכט, און די שטערען האבען צוויבערהאפט געלויכטען אין דיעזער נאכט פון אלע נעכט, אין דער ליעבעס-נאכט....

(ווערט פארגעזעצט)

ארום די ניו יארקער אידישע טעאטערע

פון א. פ.

דאס שטיקעל סעקאנד עוועניו, צווישען טאמאשעווסקי נעשאנעל און דעם קעסלער־טעאטער, וואו עס טרעפען זיך צונויף אין אלע צייטען פון טאג און ביז שפעט אין דער נאכט, אקטיארען און מענעדזשערס און פיעסען שרייבער און אפערעטען מאכער, און סתם אזוי אלערליי אידען וואס רייבען זיך ארום די היגע אידישע טעאטערע, דאס דאזיגע שטיקעל צווייטע עוועניו, די אידישע "טעאטער בערזע" — ווי אנדערש זעהט עס אויס. ווי אנדערש פון עטליכע וואכען צוריק! אוועק איז די מרה שחורה, וואס איז געלעגען אויף אלע פנים׳ער; ווי מיט דער האנט איז צוגענומען געווארען די אומזיכערקייט, וואס איז געהאנגען אין דער לופט.

איצט שיינט דארט די זון פראספעריטי, און עס הערט זיך דארט איין קלאנג אן איינזילבביגער קלאנג: "ביג". וואו מען גיט זיך א קעהר, הערט מען קיין אנדער זאך ניט נאר "ביג".

בעגעגענט זיך א מענעדזשער מיט א מענעדזשער, אן אקטיאר פון איין טעאטער מיט אן אקטיאר פון אן אנדער טעאטער און פרעגט: "נו ווי איז ביזנעס" ענטפערט יענער: "ביג! און ביי אייך?" — "אה, ביג!" די פיעסען ציהען און דער עולם קומט, און מען ווייסט שוין ווידער וואס "סטענדינג רום" איז...

* * *

אבער עס איז ניטא קיין ליכט אהן שאטען, און אין דער אלגעמיינער צופרידענהייט קען מען דא און דארט, הערען א לייכטען זיפץ. עס זיינען דא אזעלכע וואס האבען א גרונד ניט צו זיין בעגייסטערט פאר די לאנגע "ראנס" אין די טעאטערע. פאראן אקטיארען, למשל וואס אדער זיי שפיעלען כמעט גאר ניט, אדער זיי שפיעלען איין מאל אדער צוויי מאל א וואך. די דאזיגע ווארטען אויף זייער רייהע. זיי ווארטען, מען זאל אויפפיהרען עפעס נייעס וועלען זיי אפשר קריגען א ראלע. אבער די זיינען ניט דער עיקר. פאראן אנדערע וואס ווארטען טאקע באמת אויף דעם סוף פון די "ראנס" ווי א פרומער איד ווארט אויף משיח׳ן.

דאס זיינען די פיעסען שרייבער און די אפערעטען מאכער. פאר זיי איז דער איצטיגער סוקסעס אין די טעאטערע גאר ניט קיין פרעהליכער עסק. זיי מוזען ווארטען אויף זייער "נעקסט", און ווער ווייסט וויפיעל עס קען זיי אויסקומען צו ווארטען?

* * *

אט שטעהט זאלאטארעווסקי און רעדט מיט באגייסטערונג וועגען זיין נייער מעלאדראמא, וואס ער האט מיט עטליכע וואכען צוריק פארקויפט אין "פיפעלס טעאטער" און פאר וועלכע ער האט געקראגען א טשעק פון טויזענד דאלאר אויף׳ן רעכענונג פון די "ראיל־טיס". דאס איז שוין איינמאל א פיעסע! זי הייסט אין "לאנד פון טרעהרען", זי וועט מאכען דעם גרעסטען "היט" און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

— נו, נו, ווען זשע, ווען זשע?

— פרעגט איינער פון די קאפע טרינקער.

— באלד, נעקסט.

— וואס נעקסט?

— נאך "דזשעני לויפט פאר מעיאר".

— ווען וועט דאס זיין?

— זאל איך אזוי וויסען פון בייז....

— וואס זשע דזשעני לויפט נאך אלין?

— יא, זי לויפט נאך אלין, — ענטפערט זאלאטארעווסקי מיט א זיפץ.

— ווען זי זאל שוין אמאל וועלען אנטלויפען! טאטע זיסער!...

* * *

יאזעף רומשינסקי זיצט ביי א טישעל און דערצעהלט די וואונדער פון זיין נייער אפערעטע "א באבעס ירושה":

— דאס וועט זיין אזוי א לייכטע, אמיזאנטע זאך, אויף דעם שטייגער פון די אייראפעאישע אפערעטקעס, אז איהר וועט אוועקגעהן נאך׳ן ערשטען אקט, וועט איהר האבען געזעהען און געהערט גענוג פאר אייער געלד, און אז איהר וועט קומען צום צווייטען אקט, וועט אייך דער ערשטער ניט פעהלען.

— איהר מיינט, הייסט עס אז יעדער אקט פאר זיך וועט זיין אן אפערעטע? — טוט אימיצער א קיבעץ.

— יא, יא, אומגעפעהר אזוי.

— נו, נו ווען זשע? — פרעגט א קאפע טרינקער.

— נאך ניט פארטיג, — זאגט רומשינסקי. נאך א פאר וואכען.

מען זאגט יאקבע אז רומשינסקי האט שוין די אפערעטע פארטיג, אבער ער מוז ווארטען ביז עס וועט אריבער דער "ראן" אויף אנשעל שאר׳ס פיעסע "א שוועסטערס אפפער". מען וועט דאך ניט ארונטערנעהמען א שטיק וואס ברענגט דערוויל "גרויסע הייזער".

נו, ווארט ער . . .

* * *

אן אנדער אפערעטען מאכער, דער בעוואוסטער מוזיקער ליאוו ווארט נאך לענגער פון רומשינסקין ער ווארט שוין פון אנהויב סיזאן אן מיט זיין אפערעטע "א מוזיקאליש שטעדטעל" און קען אלין ניט קומען צום פסוק..

שולדיג אין דעם זיינען טאמאשעווסקים געסט. דער קאמיקער מיכאלעסקא און די זינגערין זינא גאלדשטיין מיט איהר מאן הער סעראצקי, וועלכע האבען געמאכט אזא סוקסעס מיט דער אפערעטע "דאס אונגארישע מיידעל" און דער ליטווישער קאמיקער לעבעדיעוו, וועלכער מאכט א "היט" אין ליאווקא מאלאדיעץ". ביידע פיעסען זיינען ביז איצט געשפילט געווארן פאר פולע הייזער. עס איז געגאנגען אזוי גוט און גלאט אז טאמאשעווסקי האט זיך גאר מיישב געווען און איז אליין ארויסגעפאהרען "אויף דער פראווינץ" שפיעלען טעאטער. ער גאסטראלירט איצט אין קליוולאנד און אין. דעטראיט, און ביי איהם אין נעשאנעל טעאטער זינגט מען און מען טאנצט אויף וואס די וועלט שטעהט. דער "ליטווישער קאמיקער" נעהמט אזוי אויס ביים עולם מיט זיין טאנצען און ליעדער זינגען אז דאס מענעדזשמענט פון נעשאנעל טעאטער האט בעשלאסען אריבערצונעהמען די אפערעטקא "ליאווקא מאלאדיעץ" פון אין מיטען דער וואך אויף פרייטאג, שבת און זונטאג.

און ליאוו וועט דערוויל נאך מוזען ווארטען מיט זיין אפערעטע. א ברירה האט ער?...

* * *

און נאך איינער ווארט. דאס איז מארק ארנשטיין. ער האט פארקויפט שווארץ׳ן זיין דראמא "דער ווילנער בעל הבית׳ל" און האט געהאפט אז זי וועט נאר אין גיכען אויפגעפיהרט ווערען אין "אירווינג פלייס טעאטער". האט זיך אבער אונטערגערוקט שלום עליכם׳ס קאמעדיע "שווער צו זיין א איד", וואס ציהט נאך אלץ גרויסע מאסען און וועט, ווי עס ווייזט אויס אזוי גיך ניט אראב פון פויסטער.

* * *

דער איינציגער טעאטער, וואס קלייבט זיך צו בייטען די פיעסע, איז דער נייער אידישער טעאטער. ווי עס ווערט אנאנסירט גיט מען דארט די לעצטע פארשטעלונגען פון שלום אש׳ס דראמא "גאט פון נקמה". אט די פיעסע האט געהאט א סך א גרעסערן ערפאלג ווי מען האט ערווארט. מען האט זיך אין אנהויב געריכט זי צו שפיעלען העכסטענס צוויי וואכען. אבער דאס וואונדערבארע שפיעלען פון רודאלף שילדקרויט און בכלל די אויסגעצייכענטע אויפפיהרונג פון דעם שטיק האבען געפיהרט דערצו, אז עס איז געשפילט געווארען עטליכע וואכען מיט דעם גרעסטען ערפאלג. שילדקרויט גרייט זיך איצט אויפצוטרעטען אלס "שיילאק" וואס ווערט פאררעכענט אלס איינע פון זיינע קרוין־ראלען.

ווי די ערד ארבייט האט זיך ענטוויקעלט אין קענעדע

א קאפיטעל פון דער קענעדער געשיכטע.

דער זומער איז שוין פאראיבער. א קאלטער ווינטעל פייפט אין די גאסען פון שטאדט, לאזט זיך פריי אוועק איבער די נאקעטע אפגעקאשעטע תבואה פעלדער און שטיפט ארום מיט די לעדיגע צווייגען פון די פרוכט בוימער. אלעס איז טרויעריג און פוסט. מען הערט שוין אין דערפיהלען די ערשטע פרעסטלאך וועלכע זאגען אן די טרויעריגע בשורה: "דער ווינטער קומט!" פוסט איז אויף די גרויסע, ברייטע, קענעדער פעלדער וואו אלע תבואות און פרוכטען זיינען שוין צוגענומען געווארען און ליגען אין גרויסע הויפענס אין די פילע שייערען.

דאך פיהלט זיך דער פארמער ניט טרויעריג ווען ער באטראכט זיינע לעדיגע פעלדער און זיינע נאקעטע פרוכט בוימער. ניין! ער איז צופרידען מיט זיך און מיט דער וועלט ארום זיך. ווייל די פעלדער האבען ניט געשפארט און פריי פון זייער שפע געגעבען, און די פרוכטבוימער האבען איהם א גוטע גערעטעניש געבראכט.

אנדערש איז דאס אבער געווען מיט קארגע צוויי הונדערט יאהר צוריק. ווען קענעדע איז נאך געווען ביי די פראנצויזען אין די הענט. דאן איז קענעדע באדעקט געווען מיט ריזיגע וועלדער און שווער איז די ערשטע קאלאניסטען געווען דורכצוברעכען זיך א וועג אין דער קעלט און די פרעסט און די פארשידענע שונאים וואס עס האבען זיי ארומגערינגעלט.

דער ערשטער פארמער אין קענעדער איז געווען איינער א הערבערט. זיין שפייז האט ער הויפטזעכליך באקומען פון אינדיאנער יעגער, וועלכע האבען געלעבט אין זיין געגענד, און פון פראנקרייך: דערמיט האט ער זיך אבער ניט באנוגענט און האט אויך געזייט גריפס אויף זיין איינענער פארם, אין גיכען האבען אנדערע פארמער נאכגעטאן זיין ביישפיעל און פארמס האבען זיך אנגעהויבען באווייזען לעבען קוויבעק און אויף די ברעגעס ארום דעם סט. לאורענס.

אין יענער צייט איז דער גאנצער האנדעל באשטאנען אין פעל. יעדער דערוואקסענער מענש האט געמוזט קענען גוט פאהרען איבער דעם וואסער און דורכברעכען א וועג הורך די געדיכטסטע און טיעפסטע וועלדער. אזוי ווי דער איינציגער פארקעהר־מיטעל איז געווען צו פאהרען אויף די טייכען און לעיקס, האט יעדער פארמער פון יענער צייט געזעהן אז זיין פארם זאל האבען א פראנטערדזש ביי א טייך.

אבער מיט דער פארשפרייטונג פון די פארמס אלץ ווייטער און ווייטער פון קוויבעק, האט מען אנגעהויבען באנוצען צענטראלע געביידעס, אזוי ווי קירכען למשל, כדי זיך צו פארזאמלען און זיך פארטיידיגען געגען די אינדיאנער וועלכע זיינען ניט אלעמאל געווען גוט געשטימט צו זייערע ווייסע שכנים. אין אלגעמיין אבער, האבען זיך די פראנצויזען געלעבט פריינדליך מיט די אינדיאנער, האבען זיך אויסגעמישט מיט זיי און איבערגענומען זייערע פיהרונגען און זייער ארט לעבען.

מען מוז אבער געדענקען דאס ערדארבייט איז ניט געווען די הויפט באשעפטיגונג פון די איינוואוינער פון קוויבעק. די הויפט באשעפטיגונג איז געווען דער האנדעל און עס האט גענומען לאנגע יאהרען ביז דער האנדעל האט אנגעהויבען זיין ווערט און ערדארבייט האט פארנומען זיין ארט.

אין אנטעריא האבען די קאלאניסטען, וואס זיינען ארויסגעקומען פון שאטלאנד, הויפטזעכליך אנגעפיהרט די קאלאניזאציע. אייניגע האבען זיך באזעצט אויף׳ן לאנד וואס איז צווישען אטאווא און דעם סט. לאורענס. אנדערע האבען זיך באזעצט ביי די ברעגעס פון אטאווא און מיסיסיפי; ביי די ברעגעס פון רידאו ביז פערטה און פון טרענט ביז פעטערבארא, און דעם מערב טייל פון פראווינץ וואו די גרויסע לארענטשען בערג קומען ניט צו אזוי נאהענט צו דעם סט. לארענס טייך־סיסטעם ווי אין מזרח, האט מען אויסגעבויט וועגען און די קאלאניסטען האבען זיך באזעצט אויף ביידע זייטען פון די וועגען. אזוי, למשל, ווען דער יאנג־סטריט וועג איז איינגעפענט געווארען, האבען זיך א סך פארמס אנגעהויבען צו באווייזען פון ביידע זייטען וועג און טאראנטא (וועלכע האט דאמאלס געהייסען יארק) איז געווארען דער אלגעמיינער פארטיילונגס צענטער פאר דער גרויסער פארמער געמיינדע וואס האט ארומגערינגעלט די שטאדט. פון דעם קען מען איינזעהן אז די ערשטע טראנספארטאציאנס מיטלען זיינען געווען לעיקס און טייכען. דערנאך האט מען ערשט באנוצט די וועגען און סוף כל סוף די באהנען.

מיט דער ענטוויקלונג פון ערד ארבייט אין קוויבעק האט זיך אויך ענטוויקעלט די ערד ארבייט אין נאווא סקאשיא. אבער נאווא סקאשיא איז קיינמאל ניט געווען קיין אגריקולטורעלע פראווינץ. אמת, אייניגע פון די סאמע רייכסטע און פרוכטבארסטע געגענדען אין דער וועלט ליגען אין נאווא סקאשיא, אזוי ווי דער מינאס באסיין, און דער אנאפאליס טאל; אבער דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג לעבט פון דעם ים.

ניו בראנזוויק איז א פראווינץ מיט גרויסע מעגליכקייטען פאר אגריקולטור. עס האט זיך אבער דארטען קיין ערד־ארבייט ניט ענטוויקעלט. מעהרסטענס צוליעב דעם מאנגעל אין פארקעהר מיטלען. אין אנפאנג, האבען זיך די קאלאניסטען באנוצט בלויז ביי די ברעגען פון ים און ביי די ברעגען פון דעם גרויסען טייך סט. דזשאהן, און שפעטער, ווען עס זיינען איינגעפיהרט ווארען די מערב פראווינצען, האט ניט געלוינט צו בלייבען אין ניו ב וויק און כמעט אלע קאלאניסטען הא זיך אוועקגעלאזען אין די וועסט.

א מערקווירדיגער קאנטראסט נאווא סקאשיא און ניו בראנזוויק די קליינע פראווינץ "פרינץ עדווארד לענד", וואס איז א בליהענדער ג טען פון איין עק ביז דעם צווייטען, מיט א שטח פון א קארגען מיליאן אקע און א באפעלקערונג פון הונדערט טויז

(פארזעצונג אויף זייטע 6.)

אייער זענען געשמאק ווען געפרעגעלט מיט

MAZOLA

פארלאג „אידיש“

201 East Broadway New York

קענעדער אפטיילונג

834 Cadieux Street Montreal

אין פארלאג אידיש ווערט איצט ארויסגעגעבען צוויי גרויסע ווערק

פון אייזיק הירש ווייס

די גרינדער און בויער פון אידענטום

(דור דור ודורשיו)

2 סעריעס 5 בענד. — יעדער באנד פון די צוויי סעריעס וועט ענטהאלטען פון 380 ביז איבער 400 זייטען. גרויסער פארמאט, פראכטפול געבונדען.

פרייז פאר ביידע סעריעס — — — — — $16.50

פאר סובסקרייבער — — — — — $11.00

אין דריי איינצאהלונגען

ביי יעדער איינצאהלונג באקומט דער סובסקרייבער א טייל פון די ביכער.

א קאטאלאג פון אלע אונזערע אויסגאבען און אויך פון די ביכער וואס געפינען זיך ביי אונז אויף׳ן פארקויף ווערט פ ר י י ארויסגעשיקט צו יעדען איינעם, וואס וועט פארלאנגען.

טאראנטאר סובסקרייבער אויף י. ל. פרצ׳עס ווערק קענען באקומען די דריטע סעריע ביכער ביז דעם 25־טען נאוועמבער אין 187 בעווערלי גאס, געגענאיבער פרין שולע יעדען אוונט פון 6 ביז 8.30 ביי אונזער פארטרעטער, הער ש. שניידער, וועלכער געפינט זיך איצט אין טאראנטא. טעלעפאן קאלעדזש 338.

Canadian Branch Farlag „YIDDISH“

834 Cadieux Street - - - - - Montreal

Polish-American Navigation Corporation

T. NIKLEWICZ, President B. NEVELSON, Treasurer

206 Broadway, New York

מאכט באקאנט אז זי האט אבגעקויפט ד. ם שנעל דאמפפער „SIERRA“

(שנעלקייט 16 נאטס פער שטונדע) וועלכע וועט פון איצט אן גערופען ווערען

„GDANSKA“ „גדאנסקא“

דיעזע דאמפפער וועט נאך היינטיגען מאנאט (נאוועמבער) אבגעהן דירעקט קיין דאנציג

פאר איינצעלהייטען ווענדעט זיך צו דער

Polish-American Navigation Corporation

206 Broadway Telephone: Cortlandt 5800 New York

מיר האבען אויך א פאלשטענדיגען פלאט פון פראכט שיפען

כשר
CRISCO
For Frying For Shortening For Cake Making

קריסקא

דער פארזוער פעט צו פרעגלען און צו באקען.

איז אין אייניגע יאהר צייט געווארען בעריהמט אין דער גאנצער וועלט. וואס האט געמאכט קריסקא אזוי פאפולער? איהר וועט געפינען דעם ענטפער אין דיא פאלגענדע פאקטען:

קריסקא איז דאס בעסטע פון אלע פעטס; דער קרים, דער תמצית פון פלאנצען (וועדזשעטייבל) אויל.

קריסקא איז דורכאויס פון פלאנצען און איז דארום ריין און כשר פון נאטור און איז אויך פארעווע. עס האלט זיך געדיכט און איין שטיק און צופאלט ניט.

קריסקא האלט זיך פריש און ריין זעהר א לאנגע צייט, ווייל יענע טיילען פון דיא אויל וועלכע ווערען פערדארבען זיינען פון דעם ארויסגענומען.

קריסקא איז אזוי גוט וויא פוטער און איז פיעל שפארעוודיגער, ווייל עס איז א רייכערער שטאף. קריסקא איז 100 פראצענט ריין. פוטער ענטהאלט לערך איין פינפטער וואסער, זאלץ מיט צוואורעך.

מאכלים וואס זיינען געפרעגעלט אין קריסקא זיינען לייכטער צו פערדייהען.

מיט קריסקא זייט איהר בעווארענט וועגען כשרות. עס זיינען דא פיעלע אידען וואס האבען מורא צו געברויכען פוטער, פאר דעם חשש אז עס איז געמישט מיט פלייש פעטס. קריסקא איז א ריינער, כשר׳ער פעטס וואס איז כשר לכל הדעות און איז פארעווע, און קען גענוצט ווערען מיט פליישינס אזוי גוט וויא מילכיגס. פרובירט קריסקא היינט. גראסערי לייט פערקויפען עס אליין מעהר און מעהר. עס קאסט ווייניגער וויא א העלפט פון פוטער. מען קען עס קריגען אין פערשיעדענע סייזעס.

ערד ארבייט האט זיך ענטוויקעלט אין קענעדע

(פארזעצונג פון פיירוש 4)

גשטאן, פראדוצירט עס כמעט
ר פיל ווי דער פראווינץ ניו
ש, וואס איז אכצעהנמאל אזוי
ס און האט פיער מאל אזוי פיעל
ערונג.
ר'ין אין אנפאנג פון לעצטען יאהר־
ט האבען זיך קאלאניסטען אנגע־
ען צו באזעצען ביים "רעד ריווער"
ניטאבא: לארד סעלקירק האט
געגרינדעט זיין היסטארישע קאלא־
אבער זי האט געהאט זעהר גרויסע
ריגקייטען און האט זיך ווענינ וואס
רעסערט.
די אורזאכע איז געווען וואס די
נע וועסט איז געלעגען אין די הענט
"הודסאן בעי קאמפאניע", וועל־
איז געווען שטארק פאראינטערעסירט
דאס לאנד אויף ווילדע חיות און
באטראכט די ריזיגע טעריטאריע
אבער וועלכער זי האט געהאט געקראגען
פון דער ענגלישער רעגירונג אלס
אין "רעזערוו" פאר דעם צוועק.
פארשטעהט זיך, אז די קאלאניסטען
טען זיך באזעצט אין די געגענדען
לטען זיי פארטריבען די ווילדע חיות
ווייטער און ווייטער קיין צפון,
דעם האט זיך דער קאמפאניע ניט
ענען. דעריבער איז די קאלאניזא־
צוגעגאנגען אזוי לאנגזאם אין די
סט פאר יאהר אין די וועסט.
אין 1821, האט אבער די הודסאן
קאמפאניע פארלארען איהרע רעכטע
אויף דעם לאנד, און די קענעדער רע־
גירונג האט איבערגענומען די וועסט.
פון דעמזעלבען יאהר האט זיך אנגעהויבען
א גרויסע איינוואנדערונג פון קא־
לאניסטען אין די וועסט. די דאזיגע
איינוואנדערונג האט זיך פארגרעסערט
און פארמעהרט מיט דעם אויסבויען פון
גרויסע אייזענבאהן סיסטעמען, ווי
"קענעדיען פאסיפיק" און די "קע־
נעדיען נארדערן" און מיט דער צייט
האט די וועסט אנגענומען דעם פנים וואס
האט אצינד.

פארשטעהט זיך, אז אין די
ערשטע פאר יאהר האבען די קאלאניס־
טען קיין האנדל ניט געלעקט. ניט נאר
האבען זיי געליטען פון פרעסט, און
היישעריקען וועלכע פלעגען קומען
אין גרויסע מאסען און אויפפרעסען אלעס
וואס זיי האבען געזייט, נאר זיי האבען
געהאט גרויסע צרות פון די אנ־
דיאנער פון אינדיאנער און פון די בונ־
אוטשיקעס וועלכע זיינען אין יענער
צייט געוועזען געגען דער קענעדער רעגיע־
רונג. ווען עס האט זיך איינגעגעבען דער
רעגירונג איינצושטילען די אויפשטאנ־
דען, איז די וועסט זיך צוואוקסען
מיט ריזען שריט. עס זיינען צוגעקו־
מען מעהר פארמס, מעהר קאלאניעס,
מעהר שטעדט, און מעהר אייזענבאהן־
ליניען. די ארימע קאלאניסטען וועל־
כע האבען פריהער געוואוינט אין קליינע
הילצערנע הייזלאך, האבען
אנגעהויבען ווערען רייך און האבען זיך
אנגעבויט גרויסע שעהנע הייזער. די
בארגס זיינען פארשוואונדען
און אויף זייער ארט זיינען אויסגעוואק־
סען ריזיגע "סילאס" (אזעלכע הויכע
פארמינגע שייערן) און גרויסע
"עלעוויי טערס" אויף צו באהאלטען די
תבואות; און אין איינע דרייסיג, פער־
ציג יאהר האבען זיך באוויזען אזעלכע
גרויסע און שעהנע שטעדט ווי וויניפעג,
סאסקאטאן און רעדזשיינא.
דאס לאנד וועלכעס פיהרט צו די
"ראקי מאונטענס" איז, פארשטעהט
זיך, א גאנץ אנדער לאנד ווי דאס וואס
געפינט אין דער וועסט. די ערד
טוילט אויף א סך בערג און טאלען
איז בארעקט מיט גרויסע וועלדער.
פערד ווערען פיהצוכט אנגעפיהרט אויף א
מאסשטאב און ריזיגע סטאדעס
ווערען איבער די גראז בארעקטע
בערג און טאלען.
ווייטער צו מערב צו און אויף דער
זייט פון די בערג איז דער
אביסעל מילדער און דא פיהרט
אן אנדער צווייג פון אגריקולטור
פלאנצט די גרויסע פעלדער מיט
און גרינס און מען באנוצט זיך מיט
בערג שטראמען אויף צו באַ־
זיי. די פראדוקציע איז נאך
פיעל פארהעלטניסמעסיג א קליינע
דער פראצענט פון דער פראדוקציע
אין די לעצטע צעהן יאהר זעהר
פארגרעסערט.
גרויסע מלחמה האט געבראכט דער־
קענעדע זאל אנערקענט ווערען אלס
שטארקע און פיל בארעכטיגטע נאצ־
דאס וואס קענעדע א מדינה פון
מיליאן מענשען, האט געקענט א
מיליאן סאלדאטען ארויסרופען
מלחמה, איז אוראי א נהוי־
עם איז אבער א קליי־
אין פארגלייך מיט דער הילף
קענעדע האט געגעבען די עליים אין
בארערפגיזיען און אמוניציע,
הויפטזעכליך אין געלט און אין
צוליעב דער מלחמה און די
וועלכע האבען נאכגעפאלגט
רופלאנד ניט געווען בכח

צוצושטעלען קיין תבואה צו די עליים. דאס אנדערע גרויסע תבואה לאנד אר־גענטינא איז געווען צו ווייט מען זאל זיך קענען אויף דעם פארלאזען, דעריבער האבען די עליים כמעט זייער גאנצע תבואה געקויפט פון קענעדע.

דער פועל יוצא דערפון איז געווען וואס קענעדע'ס איינקונפט פאר איהרע תבואה פראדוקטען האט זיך גוואלדיג פארגרעסערט. אזוי זעהן מיר אז אין 1914 איז דער ווערט פון די קענעדער תבואות געווען זעקס הונדערט און פער־ציג מיליאן דאלאר, אין 1919 איז עס געווען א ביליאן ניין הונדערט פינף און זיבעציג מיליאן, ארער העכער דריי מאל אזוי פיעל ווי אין 1914.

ערדארבייט איז איינע פון די גרעס־טע, אויב ניט די גרעסטע אינדוסטריע אין קענעדע. וואס פאר א גרויסער אונטערשיעד עס איז אין דעם מצב פון אגריקולטור אין דער איצטיגער צייט און אין איהר מצב מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק ווען די ערשטע קאלאניסטען האבען מיט איין האנד געקאשעט און מיט דער אנדערער געקעמפט געגען די ווילדע אינ־דיאנער. געהארעוועט נעכט און טעג און אלעס איז פארניכטעט געווארען פון פרעסט און פארטיליגט געווארען פון היישעריקען! און קענעדע האט ערשט אנגעפאנגען צו פיהרען א זעלבסטשטענ־דיג לעבען.

העברעאישע קינדערגארטנער.

די מזרחי ארגאניזאציע אין דייטש לאנד האט געעפענט א העברעאישען קינדער־גארטען אין בערלין. דאס איז די ערשטע שולע פון אזא מין, וואו העב־רעאיש איז די אונטעררייכטס שפראך. אן עהנליכע אינסטיטוציע איז געעפענט גע־ווארען אויך אין לאנדאן, אונטער דער אויפזיכט פון דער צענטראל ארגאניזא־ציע פון מזרחי אין ענגלאנד.

צופארענטען א שעהנעם פלעט איבער'ן אפיס פון „אידישען זשורנאל" פאסיג פאר אן אפיס אדער פאר עהנליכע צוועקען נאכפרעגען אין „זשורנאל" אפיס

איין מאהלצייט אין דער
אמעריקאן כשר רעסטאראן
198 קווין וועסט

איבערצייגט אייך אז די פרוי מוז ניט זיין קיין שקלאף פון קיטשען, אז די זעלבע מאכלים האבען נאר אן אנדער טעם אין
דער אמעריקאן כשר רעסטאראן
און אז עסען און הנאה האבען געהען האנט אין האנט.

קומט ארויף צו אונז. דייוו טעקסיל מענעדזשער

קומט ווידיטע
ד. הימערס
מאדערנסטע אייז-קרים פארלאר.

קארנער דאנדעס און קענזינגטאן עוו. דער שעהנסטער פלאץ אין אידישען קווארטאל פאר אייז־קרים, קאלטע טרינקס, לאנטשעס, סיגארעטס און שאקאלאד.

קומט אריין אין דעם שעהנסטען פלאץ אין שטאדט, וואו מען באהאנדעלט אייך ארענטליך און שעהן.

האלט איהר ביי ארויסנעהמען א פאליסי?

אידער איהר שרייבט אונטער אייער נאמען צו איין אינשורענס פאליסי זעהט זיך מיט

שלמה האלפערין

רעפיוטי - סופערינטענדענט פון דער מעטראפאליטען לייף אינשורענס קאמפאני. עס וועט זיך אייך באצאהלען

Office: 220 Yonge St.
Phone Adelaide 4788

Res. 208 Ontario St.
Phone Main 7138

שפארט אריין און זעהט אויך אז אייער קינד זאל שפארען

מיט איין דאלאר קענט איהר עפענען אן אקאונט און אויסקלענען דעם פונדאמענט פאר אייער צוקונפט

יעדער דעפאזיטאר באקומט אהיים א שעהנע סייף אין וועלכער ער קען שפארען קלענערע סומען

געוואוינט צו אייער קינד עס זאל זיין שפארזאם

ה. וויינבערג

BANKER

253 קווין סטריט וועסט

אין אפיס פון „אידישען זשורנאל"

HIPPODROME

די וואך פון 8-טען נאוו.

וועסט און ווען סיקלען, פאסטער און רעי: טעקסעס און וואקער.

ספעשעל פיטשור פיקטשור.

מעהלאן האמילטאן מיט לילען ריטש אין 'א האלבע געלעגענהייט' יעדע געוויזען 1,20, 4.15, 7.45 נ. מ. מערי קלערק ענן, א סאשיין קאמעדיע א פאלארד קאמעדיע.

באקאנטמאכונג

איך מאך באקאנט אלע מיינע קאסטימערס אז איך פארגרעסער מיינע ביזנעס. דעם 6-טען אקטאבער קענט איהר מיך געפינען אין מיין נייער וואוינונג

9 קענזינגטאן עוועניו
טעלעפאן קאלעדזש 6621

און וועל מאכען די זעלבע ארבייטען ווי שוין באקאנט, פאדריכטען אלער־ליי גראמאפאנען, מאשינערי, סקיילס ריפעירד שלעסער און שליסלען. אלער־ליי בייבי קערעדזשעס אויף אנדערע ארטיקלען. צופריעדענהייט גאראנ־טירט. אידישע און ענגלישע רע־קארדס צו פארקויפען.

פ. שרייפער

שעכטערס

אפיס איז אפען יעדען טאג. פון 9 ביז 9.

ריעל עסטייט, אינשורענס

מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, נע־זעצליכע דאקומענטען און אויך גענעראל אגענטען פאר אלע אידישע צייטונגען, אין לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטה־רינס, גאלד, דאנדאס און האמילטאן. אדווערטייזונגען פאר'ן „זשורנאל" ווערען אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז.

אפיס 636 בארטאן סט. איסט, טע־לעפאן גארפילד 127.

ה.יז 65 איסט אוו. נארטה. טעלע־פאן רעג. 6589.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage License

נאכ'ן פארלאנג פון מיינע געווע־זענע קאסטימער פארקויפט

דזשאו קראפיוזקא

אלע סארטען געפיקעלטע פליישען ביי זיך אין הויז

איהר קענט באקומען ביי מיר אין הויז פרישען קארנביף יעדען טאג, אלער־ליי סארטען פלייש און ווארשט, פיקעלס פעפערלאך, זויערע טאמייטאס און אלץ וואס אייער הארץ גלוסט נאר אין דע־ליקאטעסען.

מיר נעהמען אויך אן ארדערס פאר חתונות, פארטיס און באנקע־טען, און מיר גאראנטירען צופריע־דענהייט.

דזשאו
(פון דער אייז קרים פארלאר)
574 דאנדעס סט. וועסט
טעלעפאן קאלעדזש 5757

א ספעשעל נייעס פאר קאנטרי לייט

דער אלטער אייערער בעוואוסטער ווארשט מאנופעקטשורער

א. דאלגין

לאזט אייך וויסען, אז פון היינט אן און ווייטער בין איך פארטיג צו דינען אלע מיינע אלטע געוועזענע און נייע קאס־טימערס מיט גוטע און כשר'ע ריינע סחורה, ווי אויך ריכטיגע באהאנדלונג. אלע סארטען געפיקעלטע, געסמוקטע פליישען און, ווארשטען פון דער בעס־טער לייו. מיין סחורה גאראנטירט מייז נאמען.

A. DOLGEN
671½ ריטשמאנד סטריט וועסט.
טעל. אד. 2658

13551—12—5

סעש'ס דזשועלערי סטאר
אן 145½ קווין סטריט וועסט

מיר פארקויפען אויס אונזער סטאק ווייל מיר געהן אין האלסייל ביזנעס

CASH OR CREDIT

אזוי פארקויפען מיר יעדען אר־טיקעל פיעל בילינער ווי אימער.

עקסטרא בארגיינס אין דיימאנדס, וואטשעס. נייע סטייל לייכטער אויסנאהם שעהן. קאט גלעס. פאר־שפעטיגט נים און קומט גלייך.

אייער פריינט קעש
145½ קווין סט. וו. טעלעפאן עד. 3688

פעקמאר און שולמאן
לאיערס

308 לעמסדען בילדונג. טאראנטא.
6 ערלייד סטריט איסט קארנער יאנג סטריט.
טעלעפאן מיין 4359

דזשיי וו בראדי און קא.

באריסטער, סאליסטער, נאטערי און א. ז. וו.

אפיס אין 710-711 טעמפעל בילדינג. טעלעפאן ערליייד 3086

לואיס ס. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון ס ענעדע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט.

טעלעפאן ערלייר 1440
טעלעפאן ערלייר 1441

וואוינונג. 433 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 4866.

דר. א. ל. הימעלשטיין

דענטיסט

דאמיניאן באנק בילדינג קארנער מיקאל אר. דאנדעס סטריט. טעל. 6441.

דר. ה. דייווידסאן

דענטיסט.

אין דער נייער ראיעל בענק בילדינג

קארנער דאנדעס און טשעסטנאט טעלעפאן ערלייר 1789

דר. ב. ברענמאן

דענטיסט

בעסטע ארבייט פאר מעסיגע פרייזען.

544 קווין סטריט וועסט, איבער הופערס דראג סטאר, טאראנטא.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס

ארדערט קויילען יעצט אוןווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.

Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. ערל. 2696

טאראנטא כשר ווארשט און פיש סמאוקינג מאנופעקטשורינג

מיר מאכען באקאנט אז איהר קענט ביי אונז באקומען צו יעדער צייט גע־סמוקטע פישען, אויך מאכען מיר די בעסטע ווארשטען און פאסטרא־מא. מיר קויפען נאר כשר'ע פליישען פון די אידישע האלסיילער. די שטרענגסטע כשרות לויט די אומשטענדען.

ארדערס ווערען פינקטליך דעליווערט. קאנטרי ארדערס דעליווערט פון א דאלאר און העכער.

גיט אונז א טריעל און איהר וועט דאן בלייבען אונזער שטענדי־גער קאסטומער.

משה דייוויס

266 פארלאמענט סט. טעל. מיין 909

קויפט אייערע קוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס פיקעס

268½ קווין סט. וועסט טעלעפאן ערלייר 8766

דער זיכערער וועג צום ערפאלג?

Prof. Michael Angel

זיכער! דער בעסטער וועג צו האבען ערפאלג איז אנפאנגען לערנען ביי א גוטען לעהרער. באַ־טראכט דאס נאר גאנץ גוט! און קומט צו פראַ־פעסאר מייקעל אנזשעלא נאך מחיק לעסאנס פאר אייך ארער אייערע קינדער. איהר וועט אויסגע־פינען אז מר. אנזשעלא'ס סיסטעמע און ערפאה־רונג אין לערנען וויאלין, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן, ארער אירגענר וועלכען אנדערען אינסטרומענט וועט אייך פיהרען צו א זיכערען ערפאלג. מיין מאטא איז: „א גוטער מוזיקא־לישער אנפאנג" און דאס איבעריגע איז לייכט. בארינגונגען זעהר מעסיג.

סטודיא 450 ספאדיינע עוו. טעלעפאן קאל. 17